STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04540

DI DRITE ALIE

Y. Reznitshenko

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

י. רעזניטשענקא

די דריטע עליה

ארויסגעגעבן דורך
הועד הפועל של ההסתדרות הכללית של העובדים העברים בארץ-ישראל
מחלקת „החלוץ"

תשי"ח תל-אביב 1947

דפוס קואופרטיבי „אחדות" בע"מ, תל־אביב

אין דעם ערשטן וועלט-קריג

דער ערשטער וועלט־קריג האָט בולט געמאַכט, מיט אַן אומגעהויער שאַרפקייט, די טראַגעדיע פונם צושפּרייטן יידישן פאָלק. גרויס איז געווען דער אָנטייל פון די יידן אין דער מלחמה. אין די מיליטער־רייען פון ביידע צדדים האָבן געקעמפט קרוב אָנדערטהאַלבן מיליאָן יידן. אָבער די קרבנות, וואָס די יידן האָבן געבראַכט אין דער מלחמה, זיינען געווען פיל, פיל גרעסער ווי ביי אַנדערע פעלקער. די פראָנט־ליניעס זיינען געלעגן אין געגנטן, וואו ס׳איז געווען אַ געדיכטע יידישע באַפעלקערונג, און די יידן האָבן געליטן פון די מלחמה־אַקציעס. אויסערדעם האָט די רעאַקציאָנערע און אַנטיסעמיטישע רוסישע רעגירונג אָנגעהויבן, גלייך פון אָנהויב מלחמה, צו פאַרפאָלגן די יידישע באַפעלקערונג, וואָס איז געווען נאָענט צום פראָנט, אונטערן אויסרייד, אַז זיי העלפן דעם שונא. אין משך פון 24 שעה האָבן גאַנצע יידישע קהילות געמוזט פאַרלאָזן זייערע ערטער און וואַנדערן אין ווייטע מקומות, אָן זאַכן און נאַקעט, אָפטמאָל צו פוס, אין אַ שטאַרקן גוס־רעגן, אויף נישט־זיכערע וועגן. יעדע זאַך האָט געדינט אַלס אויסרייד צו באַשולדיקן די יידן אין שפּיאָנאַזש. נישט איינמאָל איז געשען, אַז דער עירוב־שבת אין אַ קליין שטעטל האָט אַרויסגערופן אַ חשד, אַז יידן האָבן אַ טעלעפאָן־פאַרבינדונג מיט די דייטשן. פיל יידן, וואָס זיינען געווען לחלוטין אומשולדיק, זיינען פאַרמשפּט געוואָרן צו טויט דורך מיליטער־געריכטן. די צאָל פון די אַרויסגעטריבענע יידן און פּליטים האָט דערגרייכט הונדערטער טויזנטער, און זיי האָבן זיך פאַרשפּרייט איבער גאַנצן לאַנד, אויך אויסער דעם תחום המושב, און זיי האָבן געבראַכט אין די ווייטסטע מקומות די

ידיעה וועגן יידישן אומגליק. דאָס גאַנצע רוסישע יידנטום האָט זיך אויפגעוואַכט און זיך גענומען צו הילפס־אַרבעט.

אויך דאָס יידנטום אין גאַליציע, וועלכע איז צייטווייליק דעראָבערט געוואָרן דורכן רוסישן מיליטער, האָט געהאַט אויסצושטיין פיל צרות, און צענדליקער טויזנטער פון זיי זיינען אַנטלאָפן קיין ווין.

די יידישע טראַגעדיע האָט זיך אַנטפּלעקט אין דער מלחמה אויך אין אַן אַנדער זין. יידן זיינען געשטאַנען פון ביידע זייטן פראָנט, און אַ רוסישער ייד האָט געקעמפט קעגן אַ עסטרייכישן. עס איז איז דאַן אַרומגעגאַנגען אַ מעשה׳לע וועגן אַ רוסישן יידן, וואָס האָט געשטאָכן אַ עסטרייכישן זעלנער, און יענער האָט אויסגעהויכט זיין נשמה מיטן „שמע ישראל !"... און דער רוסישער ייד, ווען ער האָט זיך איבערצייגט, אַז ער האָט געהרגעט אַ ייד, איז משוגע געוואָרן פון ערשיטערונג.

עס איז אַלץ קלאָרער געוואָרן די מסקנה: דאָס באַדנלאָזע און היימלאָזע יידישע פאָלק מוז באַקומען אַ היימלאַנד.

און עס האָט זיך געשטאַרקט די האָפנונג, אַז די מלחמה וועט ברענגען צו אַן ענדערונג אין דער וועלט. די וועלט וועט מוזן ווערן אַנדערש, און קודם־כל וועט זיך ענדערן דער גורל פון די אונטערדריקטע פעלקער. און פאַרוואָס זאָל ניט קומען אַ גאולה אויך פאַרן יידישן פאָלק ? עס זיינען אויך דערגאַנגען קלאַנגען וועגן דעם יידישן לעגיאָן, וואָס טרומפעלדאָר האָט אָרגאַניזירט און וואָס האָט זיך געפונען אויפן גאַליפּאָלי־פראָנט. דאָס אַלץ האָט אַרויסגערופן אַ ציוניסטישן אויפברויז און אַ גרויסן ציוניסטישן גלויבן.

און ווען עס האָט אויסגעבראָכן די רוסישע רעוואָלוציע אין פעברואַר 1917, וועלכע האָט צעבראָכן די קייטן, וואָס האָבן געדריקט אויף דער יידישער באַפעלקערונג, און געגעבן די יידן גלייכע בירגעררעכט מיט אַנדערע איינוואוינער פון לאַנד — האָבן די יידן נישט פאַרבאַהאַלטן זייער נאַציאָנאַלע געשטאַלט, זיי האָבן נישט מוותר געווען אויף ציון, ווי עס האָבן געטאָן די פראַנצויזישע יידן נאָך

דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, נאָר להיפך: זיי האָבן הויך אויפ־געהויבן די ציוניסטישע פאַן און געטראָגן זי מיט שטאָלץ.

די באַלפור־דעקלאַראַציע, וועלכע איז געגעבן געוואָרן דעם 2־טן נאָוועמבער 1917, האָט פיל געשטאַרקט דעם ציוניסטישן גלויבן.

מיט דער באַלפור־דעקלעראַציע

אַדאַנק דער באַלפור־דעקלעראַציע איז דער ציוניזם אַנערקענט געוואָרן, צום ערשטן מאָל, אַלס פּאָליטישער פאַקטאָר. די דאָזיקע אַנערקענונג פון אויסן האָט באַפליגלט דעם ציוניזם אויך אינעווייניק. כוואַליעס פון באַגייסטערונג האָבן אַרומגענומען די באַוועגונג. גרויס איז געווען די פרייד, הערנדיק דעם אינהאַלט פון דער דעקלאַ־ראַציע, אָבער די בעסטע טיילן פון דער יידישער יוגנט האָבן זיך גלייך אָנגעצונדן מיט אַ חלוצישן ברען — פאַר ממשותדיקע קאָנ־סטרוקטיווע טאַטן, וואָס פאָדערן קרבנות און פערזענלעכן מסירות נפש.

אין יענער צייט זענען כמעט אַלע חברים פון „החלוץ" אין רוסלאַנד געווען מיטגלידער פון „צעירי ציון". „החלוץ"־גרופּן האָבן עקזיסטירט ביי די „צעירי ציון" אָרגאַניזאַציעס. די חברים פון „צעירי ציון" זענען געווען דער הויפּט־פאַקטאָר אין דער דריטער עליה.

דער „החלוץ" אין רוסלאַנד

פאַרשידן זענען געווען די תנאים אין די אייראָפּעאישע לענדער, אין וועלכע ס'האָבן געווירקט די „החלוץ"־גרופּן, און פאַרשידן זענען געווען די טעטיקייטס־פאָרמען. אויך די אויפפאַ־סונג פונם „החלוץ" און פון זיינע אויפגאַבן איז נישט געווען אידענטיש אויף די כל'ערליי פגישות. אָבער איינער איז געווען דער גייסט וואָס האָט באַהערשט אַלעמען — דער דראַנג עולה צו זיין אין לאַנד און דורך אָנגעשטרענגטער אַרבעט און דעראָבערונג דורכלייגן אַ וועג פאַרן פאָלק.

דעם ערשטן אָרט האָט פאַרנומען דער „החלוץ" אין רוסלאַנד. ס'איז געווען אין רוסלאַנד אַ חלוצישע טראַדיציע נאָך פון די ביל"ו־צייטן און פון דער צווייטער עליה. פיל קערנער זענען פאַרזייט געוואָרן נאָך פאַר דער מלחמה. און אָט איז אויסגעבראָכן די רעוואָלוציע פון 1917 יאָר — און די קערנער האָבן אָנגעהויבן אַרויסשפּראָצן און אַרויסגעבן צייטיקע פּרוכט.

דער רוסישער „החלוץ" האָט זוכה געווען, אַז זיינע קערנער האָבן זיך צעטראָגן ווייט איבער די גרענעצן פון רוסלאַנד. נישטאָ קיין לאַנד אין אייראָפּע, וואו ס'איז נישט דערגאַנגען דאָס וואָרט פונעם רוסישן „החלוץ". נישט בלויז אידעען און געדאַנקען האָט ער פאַרשפּרייט (אין קיין לאַנד האָט מען נישט אַזוי גרינטלעך פאַרטיפט דעם „החלוץ"־געדאַנק ווי אין רוסלאַנד); און נישט בלויז תורה שבכתב האָט ער פאַרשפּרייט — די רוסישע חלוצים האָבן אַדורכגעבראָכן גרענעצן אויפן וועג קיין ארץ־ישראל. דער כאַאָטישער צושטאַנד פון יענער צייט און די עליה־גזירות האָבן געצוואונגען די חברים זיך צו פאַרהאַלטן אין די דורכגאַנגס־לענדער: פּוילן, רומעניע, ליטע, לאַטוויע, קושטא, מזרח און מערב גאַליציע, און ביז טשעכאָ־סלאָוואַקיי, עסטרייך און דייטשלאַנד זענען זיי דערגאַנגען, און אין יעדן לאַנד האָבן זיי פאַרפלאַנצט די „החלוץ"־אידעען. די געשיכטע פון רוסישן „החלוץ" אין די צייטן פון דער דריטער עליה איז אין אַ גרויסער מאָס די געשיכטע פון דער גאַנצער „החלוץ"־באַוועגונג.

שוין אין די האָניק־חדשים פון דער רוסישער רעוואָלוציע, ווען אַלץ איז באַגייסטערט און פייערלעך, אַנטשטייען די ערשטע „החלוץ"־גרופּן. גרופּן חברים פאַרלאָזן די פייערדיקע און דעמאָנס־טרירנדיקע שטעט און פאָרן זוכן הכשרה־פּלעצער אין די דערפער, און הויפּטזעכלעך אין די יידישע קאָלאָניעס פון דרום־רוסלאַנד. ס'ברעכט אויס דער בירגער־קריג. די וועגן זיינען צושטערט. נישטאָ קיין פאַרבינדונג פון איין אָרט מיטן צווייטן. ס'איז אַ סכנה אַרויס־צוגיין אין דאָרף. די מאַכט בייט זיך פון טאָג צו טאָג. פּאָגראָמען פאַרפלייצן די יידישע ישובים. צענטליקער טויזנטער יידן ווערן

דערמאָרדעט, הונדערטער טויזענטער — ווערן רואינירט און אַרויס־געריסן פון זייערע מקומות. הונדערטער־טויזענטער יידן פּאַסן זיך צו, נאָך דער אָקטאָבער רעוואָלוציע, ווילנדיק צי נישט ווילנדיק, צו דער נייער אָרדנונג, וועלכע איז דער איינציקער באַשיצער פאַר די יידן פון די פּאָגראָמען, פאַרן פרייז פון פול־שטענדיק פאַרלייקענען דעם ציוניזם. די „החלוץ"־גרופּן ווערן פאַרפאָלגט פאַר זייער טעטיקייט. אין דרום־רוסלאַנד און וואָלגאַ־געביט הערשט הונגער און פיל זענען זיינע קרבנות. און ביי דעם אַלעמען — דער „החלוץ" ווירקט ווייטער און קעמפט פאַר זיין עקזיסטענץ און אָנערקענונג.

באַוואונדערסווערט איז די צופּאַסונגס־פעאיקייט פון „החלוץ" צו זיך ביי זיך בייטענדיקע באַדינגונגען פון יענער אומרואיקער צייט. אין דער ערשטער צייט האָבן די חלוצים באַקומען די הכשרה אין די יידישע קאָלאָניעס פון דרום־רוסלאַנד. דאָ און דאָרט אַנטשטייען אַרום די שטעט גערטנער פון „החלוץ", אַוואו די חלוצים אַרבעטן נאָך זייער טאָגטעגלעכער אַרבעט. אַ טייל גייט אויך אַרבעטן, אין ברענענדיקן אַרבעטס־סעזאָן, ביי די פויערן אין די אַרומיקע דערפער. דער בירגער־קריג האָט באַשווערט דאָס אַרויסגיין אין די דערפער און דאָס פירן אַ סיסטעמאַטישע הכשרה־טעטיקייט. עס אַנטפּלעקן זיך אויך נייע מעגלעכקייטן. די מאַכט קאָנפיסקירט דעם באָדן פון די פריצים און נישט אומעטום געפינען זיך אַרבעטער. די אַרבעטס־כוחות אין דאָרף זענען שיטער געוואָרן; און די רעגירונגס־אינסטיטוציעס מאַכן אַלערליי קאָנצעסיעס די, וועלכע זענען גרייט איבערצוגיין צו לאַנדווירטשאַפט. פאַר די חברים פון „החלוץ" איז דאָס אַלץ געווען אַ שפּרינג־ברעט פאַר זייער ציל — קיין ארץ־ישראל. די חברים אַרבעטן שווער און זענען צופרידן. אָבער נישט איינמאָל, נאָכדעם ווי זיי האָבן אַריינגעלייגט פיל פּראַצע — האָבן זיי געמוזט פאַרלאָזן דעם אָרט, בשעת די „ווייסע" אָדער אַ וועלכע ס'איז באַנדע האָבן זיך דערנענטערט.

די חברים נוצן אויך אויס די מעגלעכקייטן אין שטאָט און

שאַפֿן שטאַטישע קאָמונעס. געווען גרופּן חברים, וואָס זומער־צייט האָבן זיי געאַרבעט אין פעלד און ווינטער אין שטאָט. די חברים זאָגן זיך אויך נישט אָפּ פון אַנדערע אַרבעטן, ווי למשל, בוי, הגם אין אַלגעמיין ווילן זיי ליבערשט פעלדאַרבעט...

אַ חוץ די יידישע קאָלאָניעס, וועלכע זענען געווען דער הויפּט־צענטער פאַר הכשרה־טעטיקייט אין די יאָרן 1917—1918, און אַ חוץ דער פערמע ביי אָדעס, וועלכע איז געווען אין באַזיץ פון דער באַוועגונג עטלעכע יאָר, האָט אין יאָר 1919 געשפּילט אַ וויכטיקן ראָל די סביבה פון דזשאַנקאָי אין קרים, אין וועלכער טרומפּעלדאָר האָט געוויילט אַ לענגערע צייט. די חברים, וועלכע האָבן דורכגעמאַכט זייער הכשרה אין קרים, זענען געווען פון די ערשטע פון דער דריטער עליה, און זיי זענען געווען דער קערן פון גדוד העבודה אויפן נאָמען פון יוסף טרומפּעלדאָר.

אַ וויכטיקער צענטער איז אויך געווען אין די יאָרן 18—1919 די געגנט אַרום האָמעל אין ווייסרוסלאַנד. אין די יאָרן 1920—1921 האָט זיך די אַרבעט פאַרברייטערט און פאַרצווייגט, ס׳זענען צוגעקומען הכשרה־פּלעצער, ס׳איז אויך אָפּגעשלאָסן געוואָרן אַ קאָנטראַקט מיט רעגירונגס־אַנשטאַלטן מכוח באַשעפטיקן 300 חלוצים אין ניקאָלייעווער גובערניע.

אַ באַזונדערן ראָל האָט געשפּילט די הכשרה־קבוצה „משמר הוולגה״. איר געבורטס־אָרט איז געווען אין דעם „החלוץ״־סניף אין סאַראַטאָוו, אַוואו ס׳זענען געווען פיל יידישע פּליטים פון פּוילן, ליטע און אוקראַינע. נאָך לאַנגע דיסקוסיעס זענען זיי פּסח 1920 אַרויס אויף הכשרה און געגרינדעט די קבוצה „משמר הוולגה״, וועלכע האָט געשאַפן וויכטיקע אידייאישע ווערטן פאַר דער באַוועגונג. פיל האָט די קבוצה געוואַנדערט און ביי פאַרשידענע אַרבעטן געאַרבעט — אין שטיינהאַקעריי, אויף שאָסייען, ביי לאַנדווירטשאַפט, ביי בוי־אַרבעט, ביז זי איז געקומען אין יאָר 1922 אין לאַנד אַריין. עס דאַרף אויך באַצייכנט ווערן די יעליסאַוועטגראַדער קרייז־קבוצה, וועלכע איז געגרינדעט געוואָרן אין 1921 יאָר. זעקס

פון אירע חברים זענען פאַרבערענט געוואָרן אויפן וועג צו דער גרענעץ.

אין משך פון דער גאַנצער צייט פון דער דריטער עליה האָט זיך נישט איינגעגעבן, צוליב די וועג־שטערונגען, אָרגאַניזירן אַ קאָנ־פערענץ פון אַלע טיילן פון „החלוץ" אין רוסלאַנד. די סכנות וואָס האָבן געלויערט אויף די וועגן פאַר יעדן דורכגייער, און בפרט פאַר יידן, האָבן דאָס נישט דערמעגלעכט. צו דער ערשטער באַראַטונג פון „החלוץ" (וועלכע איז פאָרגעקומען אין כאַרקאָוו, אין יאַנואַר 1918), וואָס האָט לויטן פּלאַן געדאַרפט זיין די גרינדונגס־קאָנפערענץ, האָבן נישט באַוויזן צו קומען דעלעגאַטן פון אַ רייע גרויסע און וויכטיקע סניפים. אין דער ערשטער קאָנפערענץ אין פּעטראָגראַד (יאַנואַר 1919), האָבן זיך באַטייליקט פאַרטרעטער פון 23 סניפים, אין דער צווייטער קאָנפערענץ (כאַרקאָוו, אָקטאָבער 1920) — פאַר־טרעטער פון 15 סניפים. אין דער אָדעסער קאָנפערענץ (אויגוסט 1920) — פון 27 קבוצות און סניפים. אין די אַלע קאָנפערענצן האָבן זיך באַטייליקט בלויז טיילן, נישט קיין גרויסע, פון דער „החלוץ"־באַוועגונג. דעריבער אין קיין וואונדער נישט, וואָס יעדע קאָנפערענץ האָט אַנדערש פאָרמולירט דעם מהות פון „החלוץ". אַזוי זענען דער־שינען פאַרשידענע דעפיניציעס ,וועלכע האָבן אויסגעדריקט די פאַרשידענע אויפפאַסונגען פון „החלוץ": „מ אַ ט ע ר י אַ ל י ס ט י־ ש ע ר החלוץ", „א י ד ע אַ ל י ס ט י ש ע ר החלוץ", דאָ און דאָרט האָט מען געהערט די דעפיניציע: „קלאַסן־החלוץ". אין אוקראַינע האָט מען זיך נישט וויניק באַנוצט מיטן אויסדרוק „מ ל ו כ ה' ש ע ר החלוץ" און „פ אַ כ מ ע נ י ש ע ר החלוץ". אויך געווען אַ שטרעמונג, וואָס האָט זיך גערופן „ר ע אַ ל י ס ט י ש ע ר החלוץ", זוכנדיק אַ סינטעז צווישן די שטרעמונגען.

דער „החלוץ" אין פּוילן

דעם צווייטן אָרט נאָכן החלוץ אין רוסלאַנד, לויט זיין היקף און אויפגאַבע — אין די צייטן פון דער דריטער עליה — האָט פאַרנומען

דער „החלוץ" אין פוילן. די ערשטע שפּראָצונגען פונם „החלוץ" אין פוילן — אַזוי ווי אין רוסלאַנד — באַווייזן זיך אין 1917 יאָר. דאָ און דאָרט אַנטשטייען איינציקע גרופּן פון חלוצים, און צום סוף פון יענעם יאָר ווערט געגרינדעט אַ צייטווייליקער צענטראַל־קאָמיטעט.

די חלוצישע באַוועגונג אין פוילן האָט נישט געצויגן איר יניקה אין אַזאַ מאָס, ווי איר שוועסטער־אָרגאַניזאַציע אין רוסלאַנד, פון סאָציאַליסטישע קוואַלן. דאָ איז זי נישט אַנטשטאַנען אין שויס פון אַ ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער באַוועגונג. דאָס שאַפן פון „החלוץ" קען מען פאַרעכנען צום זכות פון דער גאַנצער ציוניסטישער באַוועגונג און נישט בלויז פון דעם סאָציאַליסטישן פליגל, הגם אין די אָרטיקע גרופּן זענען גרויסע טיילן געווען פון די סאָציאַליסטישע „צעירי ציון" און זיי זענען אויך געווען די ערשטע מעפילים קיין א״י און דער הויפּט־פאַקטאָר אין „החלוץ".

די באַראַטונג פון „החלוץ", וועלכע איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין י״ד אדר תרע״ט, האָט אַזוי פאָרמולירט די אויפגאַבן פון „החלוץ": „1) פאַרווירקלעכן אין לעבן די ציוניסטישע שטרעבונגען: אויפבויען ארץ־ישראל פאַרן יידישן פאָלק דורך יידישער אַרבעט; 2) דער „החלוץ" שטרעבט צו אָרגאַניזירן, פאַרברייטערן, איבערפירן און איינאָרדנען דעם פּראָדוקטיוון עלעמענט פאַר ארץ־ישראל. באַזונדערס דאַרף דער „החלוץ" זאָרגן פאַר דעם קולטורעלן לאַנד־ווירטשאַפטלעכן אַרבעטער".

עס איז אויך באַשלאָסן געוואָרן, אַז די אָרגאַניזאַציאָנעלע פאָרמען פון „החלוץ" וועלן באַשטימט ווערן ערשט נאָכדעם, ווי עס וועט זיין אַ מעגלעכקייט זיך צונויפצורעדן מיט די ארץ־ישראל אַרבעטער. דער צוגאַנג צו די פּראַגן און דער איינציקער אויסגאַנגס־פּונקט זענען געווען די אַקטועלע באַדערפענישן פון ארץ־ישראל־אויפבוי. צוליב דעם דאָזיקן צוגאַנג איז אין פוילן נישט געווען פּאָפּולער די אויפפאַסונג פון „החלוץ", אַלס באַוועגונג פון אויסדער־ווילטע און גבורים, און מען האָט זיך נישט פאַרנומען מיט אַנדערע

פראַגן, אויסער די ענינים פון עליה און הכשרה. דער פוילישער „החלוץ" האָט נישט באַטראַכט די קבוצישע דערציאונג און די פערזענלעכע פאַרפולקאָמונג אַלס אַ פליכט פאַר יעדן חבר, ווי מען האָט דאָס געטאָן אין ליטע און רומעניע.

ליטע און רומעניע

די החלוץ אָרגאַניזאַציעס אין ליטע און רומעניע האָבן געטראָגן אַן אַנדער כאַראַקטער, ווי די אין רוסלאַנד און פוילן.

אין איינעם אַ דאָקומענט פון רומענישן „החלוץ" ווערט געזאָגט:

„דער „החלוץ" האָט דאָ געלייגט אַ גרעסערן געוויכט אויף זיינע פאָדערונגען כלפי די חברים. ער האָט פון זיי געפאָדערט אַן עקסטרע־מע און באַלדיקע פאַרווירקלעכונג פון „החלוץ"־פּרינציפּן: אַן אַרבעטס־לעבן, קבוצישע לעבנס־פאָרם און איבערגעגעבנקייט דער העברעאישער קולטור. ווער ס'האָט נישט אָנגעהויבן תיכף צו פאַרווירקלעכן — האָט נישט געקענט זיין אַ חבר אין „החלוץ", דאַריבער האָט מען ניט פאַרעכנט פאַר חברים די אַלע, וואָס זענען ניט געווען אין די הכשרה־קבוצות. סניפים אין די שטעט און שטעט־לעך האָבן ניט עקזיסטירט. די הכשרה־קבוצות זענען באַטראַכט געוואָרן אַלס אָרגאַניזאַציאָנעלע און דערציערישע פונקטן צוגלייך. אויף דער דריטער לאַנדקאָנפערענץ איז פאָרמולירט געוואָרן דאָס וועזן פון דער הכשרה: „מיר אָנערקענען נישט די פאַרשיידענע אויפּ־גאַבן פון דער חלוצישער הכשרה, די פאַכלעכע, קולטורעלע אָדער געזעלשאַפטלעכע הכשרה, יעדע באַזונדער, — נאָר בלויז די שאַפונג פון אַ חלוציש־שעפערישער פערזענלעכקייט".

דער רומענישער „החלוץ" אין יענער צייט איז באַשטאַנען צום גרעסטן טייל פון רוסישע חברים.

די חלוצים אין ליטע זענען געווען ענלעך צו די חלוצים אין רומעניע, לויט זייער אויפפאַסונג פון דער הכשרה. אויך דאָ איז געווען אָנגענומען, אַז צום „החלוץ" קאָנען באַלאַנגען בלויז חברים, וואָס זענען זייער צוקונפט אין לאַנד אין אַ קאָלעקטיוו. זיי האָבן

נעגירט די לעבנס־פאָרם פון אַ מושב און פון אַן איינצעלנען אַרבע־טער אין שטאָט.

אין איינעם פון די אויפרופן פון „החלוץ" אין ליטע ווערט געזאָגט:

„אָרגאַניזירט אייך! אָבער לעגט אַכט — נישט אַריינצונעמען אין אייערע רייען מענטשן וואָס זענען נישט זיכער און פעסט. זאָל בעסער אייער קבוצה זיין אַ קליינע אָבער אַ געטרייע, ווי איידער זי זאָל אַרומנעמען אַ גרויסע צאָל אַנגעלאָפענע עלעמענטן, וואָס אַ ליאַדע ווינט וועט זיי פאַריאָגן און אַרויסרייסן פון אָרט".

גאַליציע

אין גאַליציע האָט זיך די „החלוץ"־באַוועגונג אַביסל פאַרשפע־טיקט און אָנגעפאַנגען האָט זי ערשט אין יאָר 1918. איר אויפקום איז געווען אין דער יוגנט־באַוועגונג „השומר הצעיר", און אַ געוויסע צייט האָט דאָרט עקזיסטירט אַ אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט געהייסן: „השומר־החלוץ".

דאָ האָבן די ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע פאַרטייען כמעט קיין שום השפעה ניט געהאַט אויפן „החלוץ". ס'איז געווען אַן איבערטריבן־איגדיווידואַליסטישע טראַדיציע. מען האָט ניט געלייגט קיין שטאַרקן פונדאַמענט פאַר'ן „החלוץ" און מען האָט ניט געזוכט קיין וועג צו דער פאָלקס־יוגנט. בשעת אין רוסלאַנד און פוילן האָט מען שוין באַוויזן פאַרפעסטיקן דעם „החלוץ" און אַריינטראָגן קלאָרקייט אין זיין מהות — זענען דאָ די אויפפאַסונגען נאָך אַ לאַנגע צייט געווען פאַרנעפּלטע. איין גרויסער שטראָם האָט אין יאָר 1920 אַוועקגעטראָגן פון גאַליציע עטלעכע הונדערט חלוצים־שומרים, וואָס זייער ווירקונג אין לאַנד איז געווען גענוג קענטיק, אָבער קיין המשך צו אים איז ניט געווען.

מערב־אייראָפּע

קליין איז געווען דער אָנטייל פון די מערב־אייראָפּעישע לענדער אין דער דריטער עליה. אָבער די חלוצים זייערע האָבן

אַריינגעבראַכט אַ באַזונדערן קאָלאָריט אין דער דריטער עליה. דער מענטשן־מאַטעריאַל, וואָס איז געקומען פון דאָרט, איז געווען אַנדערש לויט זיין קולטורעלער דערציאונג. דאָס זענען געווען על פי רוב מיטגלידער פון דער יוגנט־באַוועגונג „בלוי־ווייס", וועלכע איז אַנטשטאַנען פאַר דער וועלט־מלחמה און באַאיינפלוסט געוואָרן פון דער דייטשער יוגנט־בוועגונג „וואַנדערפאָגל". די דאָזיקע באַוועגונג האָט געפּרעדיקט אַ באַזונדערע יוגנט־קולטור. זי האָט געשטרעבט צו שאַפן אַ זעלבשטענדיקע יוגנט־געזעלשאַפט, וואָס זאָל זיך פריי אויסלעבן, אין גייסט פון די ווערטן, פון וועלכע עס באַשטייט דער „יוגנט־גליק": ברידערלעכקייט, קאָרעקטע און פריינטשאַפטלעכע באַציאונגען צווישן די חברים, וואַנדערונג און באַהעפטיקונג מיט דער נאַטור, שמועסן איבער פראַגן פון דער געזעלשאַפט און קולטור. זי האָט געפּרעדיקט צו אַ לעבן פון „יוגנט־געזעלשאַפט", געבויט אויף טיפער פריינטשאַפט און גרענצלאָזער חברישקייט. „בלוי־ווייס" האָט צו דעם צוגעגעבן אַ יידישן תוכן, וועלכן זי האָט געשעפּט פון מאַרטין בובערס לערע, וועלכער האָט דאַן געהאַט אַ גרויסן איינפלוס אויף דער יידישער יוגנט אין די דייטש־רעדנדיקע לענדער.

נאָך דער מלחמה זענען געוואַקסן די ציוניסטישע ביוגונגען צווישן דער יוגנט, ביי אַ טייל פון זיי איז ארץ־ישראל געוואָרן אַ קאָנקרעטער ענין און א לעבענס־וועג. פיל האָבן געווירקט דאַרויף די יידישע סאָלדאַטן, וועלכע זענען צוריקגעקערט פון פראָנט און האָבן זיך באַגעגנט מיט די יידישע מאַסן אין מזרח־אייראָפּע. אין דייטשלאַנד איז געווען אַ באַדייטענדיקער דראַנג צו הכשרה, אָבער בלויז אַ קלענער טייל האָט אויסגעהאַלטן. פון זיי האָט זיך קריסטאַ־ליזירט אַ נישט־גרויסע קבוצה מיטן נאָמען „מהפכה"

אין דער טשעכאָסלאָוואַקיי איז די „החלוץ"־באַוועגונג פון אָנפאַנג אָן באַשטאַנען פון יחידים. אַ גרופּע חברים מיטן נאָמען „עבודה", האָט זיך פאַרבונדן מיט דער קבוצת „מהפכה" אין דייטש־לאַנד, און זיי האָבן קאָנצענטרירט זייערע מיטגלידער אין אַ לערן־

פאַרם אין דייטש־שלעזיע. הערבסט 1920 האָבן זיי אָנגעהויבן מאַכן הכנות פאַר דער עליה.

אין ארץ־ישראל האָבן זיי געלעבט אַלס אַן אָפּגעשלאָסענע קבוצה. אַ באַשטימטע צייט האָבן זיי געאַרבעט אין „חפצי־בה" ביי חדרה. אין זומער 1922 האָבן זיי זיך באַזעצט אין בית־אלפא. זיי האָבן זיך ניט אויסגעמישט מיט אַנדערע אויך ניט מיט דער גרופּע טשעכישע חברים, וועלכע איז געקומען נאָך זיי, די קבוצה „ביברכה". די דאָזיקע קבוצה האָט זיך אָרגאַניזירט אין יאָר 1922 און די ערשטע פון זיי זענען אָנגעקומען אין א"י אין ווינטער 1923. מיט אַ צייט שפּעטער האָט זי זיך פאַראייניקט מיט דער קבוצה „אחוה", וועלכע האָט זיך באַזעצט אין שריד.

די ערשטע וועלט־קאָנפערענץ פון החלוץ איז פאָרגעקומען אין דער צייט פון צוועלפטן ציוניסטישן קאָנגרעס, אין אויגוסט 1921, אין קאַרלסבאַד. אויף יענעם קאָנגרעס איז דער החלוץ אָנערקענט געוואָרן דורך דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע אַלס אַ אומאָפּהענגיקע אָרגאַניזאַציע פאַר הכשרה־און עליה־ענינים.

דער דראַנג צו עליה

אין יענע צייטן זענען אַלע טויערן פון רוסלאַנד געווען אָפּגע־שלאָסן. ניט אַרויס און ניט אַריין. אָבער נאָך אין האַרבסט 1918 האָבן אָנגעהויבן קליינע גרופּן פון חלוצים אָנקומען פון קרים צו די ברעגעס פון קליין־אַזיע, און פון דאָרט, על פי רוב צופוס, קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל. די שיף „מעשיקאָ", וועלכע איז אָנגעקומען צו די ברעגעס פון א"י, אין אדר ב' 1919, איז געווען די ערשטע, וועלכע האָט געבראַכט איבער הונדערט חלוצים פון רוסלאַנד און רומעניע. פריהער זענען געקו־מען איינצעלנע, פון סיביר דורך יאַפּאַן.

די ערשטע גרופּן פון פּוילישן „החלוץ" און פון גאַליצישן „השומר הצעיר" זענען אָנגעקומען אין ארץ ישראל מיט איניקע

וואָכן שפּעטער — אין חודש ניסן 1919. זיי האָבן געציילט אַן ערך 180 חלוצים און צווישן זיי די „קבוצה הונדערט פינף". אַ קליינע גרופּע פּוילישע חלוצים איז געקומען אין לאַנד נאָך אין דעצעמבער 1918.

אין משך פון יאָר 1919 זענען אָנגעקומען קיין ארץ־ישראל דורך קאָנסטאַנטינאָפּאָל, איטאַליע און מצרים קליינע גרופּן פון איינצעלנע חלוצים. צווישן די אָנגעקומענע קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל איז אויך געווען יוסף טרומפּלדאָר. אין סוף פון יענעם יאָר, דעם 20 דעצעמבער 1919, איז אָנגעקומען אין לאַנד די שיף „רוסלאַן", וועלכע איז אָפּגעשוואומען דירעקט פון די אדעסער ברעגעס און געבראַכט אַריבער 600 עולים, צווישן זיי עטלעכע צענטליק חלוצים.

דאָס אָפּשווימען פון „רוסלאַן" האָט געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק אויף די יידן אין אוקראַינע. ס'האָבן זיך פאַרשפּרייט קלאַנגען, אַז ס'האַלטן אין אָפּשווימען נאָך שיפן — און דווקא יידישע — וועלכע וועלן פירן די עולים צו די ברעגעס פון היימלאַנד. הונדערטער חלוצים האָבן אָנגעהויבן שטראָמען קיין אָדעס. און ווען די דערוואַרטעטע שיפן זענען ניט אָנגעקומען, האָט מען אָנגעהויבן זוכן מעגלעכקייטן אַריבערצוקומען אויסער די גרענעצן פון רוסלאַנד, האָפנדיק אַז פון דאָרט וועט לייכטער זיין אָנקומען אין לאַנד אריין.

באַזונדערס האָט זיך געשטאַרקט דער שטראָם צו די גרענעצן נאָכן אָנקומען פון דער ידיעה וועגן טרומפּעלדאָרס טויט. די הערצער האָבן זיך אָנגעצונדן מיט אַ שטאַרקן ווילן דערגיין קיין ארץ־ישראל פאַר יעדן פּרייז און דורך אַלע וועגן.

אַ טייל האָט געגליקט אריבערצוגיין די גרענעץ אויף „לעגאַלע" וועגן. אין יענער צייט האָבן זיך אָנגעהויבן אומקערן קיין ליטע, פּוילן און לאַטוויע פּליטים און פאַרטריבענע, וועלכע זענען פאַרוואָגלט געוואָרן קיין רוסלאַנד אין די מלחמה־יאָרן. אין אַ טייל ערטער זענען אין די רעגירונגס־אַמטן, וואָס האָבן זיך פאַרנומען

מיטן אומקערן פון די פליטים, געזעסן ציוניסטן, וועלכע האָבן געהאָלפן די חלוצים זיך אומצוקערן אין די דערמאָנטע לענדער. אָבער די צאָל זייערע איז געווען אַ קליינע. געווען אויך חברים, וואָס בשעת דער פויליש־רוסישער מלחמה האָבן זיי זיך דערנענטערט צום פראָנט, און ווען דער אָרט איז דעראָבערט געוואָרן דורכן פוילישן מיליטער, האָבן זיי זיך באַמיט אַריינצודרינגען מער קיין מערב, קיין פוילן. אָבער די הויפּט־טעטיקייט איז באַשטאַנען אין „שוואַרצן די גרענעצן" — קיין רומעניע, טערקיי, ליטע, לאַטוויע און פוילן. די מענטשן זענען געגאַנגען אויף פאַרשידענע אומוועגן, אין די פעלזן־בערג און אויף אָפּגרונטן ממש. זיי זענען אַריבער דעם שוואַרצן ים אין קליינע שיפלעך, וואָס גאַנץ אָפט זענען זיי געפירט געוואָרן דורך פּיראַטן. זיי האָבן געוואַנדערט איבער וועלדער און טייכער, איבער פוסטע און ניט־געטראָטענע וועגן, אין פרעמדע געגענטן, ניט קאָנענדיק די שפּראַך פון די איינוואוינער, איינשטעלענדיק דאָס לעבן, אין הונגער, נאַקעט און נויט. אָט די פּרשה פון דראַנג קיין ארץ־ישראל איז פאַרבונדן מיט גבורה, גרויסער העזה און גוואַלדיקע יסורים. ניט ווינציק זענען געווען די חברים, וואָס האָבן באַצאָלט מיט זייערע לעבענס — אַ טייל פון זיי אומבאַקאַנטע, נאָך וועלכע דער נאָמען איז אפילו נישט פאַרבליבן צום אָנדענק, און אַ טייל באַקאַנטע, וואָס זייערע נעמען זענען איינגעקריצט אין די הערצער פון זייערע חברים.

און אפילו ווען זיי זענען שוין אַריבער די גרענעץ, האָבן זיי קיין רו נישט געפונען. נישט איינמאָל האָט פּאַסירט, אַז מען האָט זיי געכאַפּט אין דעם דורכגאַנגס־לאַנד און איינגעזעצט אין תּפיסה אָדער צוריק געשיקט. די חברים פון „החלוץ" פלעגן אָנווענדן אַלע מיטלען, כדי זיי צו באַפרייען, אָבער ניט תּמיד האָט זיך דאָס איינגעגעבן.

באַזונדערע פאַרמען האָט אָנגענומען די עליה פון אַמעריקע. די חלוצים, וועלכע האָבן זיך דאָ אָרגאַניזירט נאָך אין יאָר 1915 אונטער דער השפּעה פון ד. בן־גוריון און י. בן־צבי (וועלכע זענען פאַרטריבן געוואָרן פון ארץ־ישראל און אָנגעקומען אין אַמעריקע),

זענען געוועזן די ערשטע וואָלונטירן פון יידישן גדוד (לעגיאָן). טויזנ־טער יידישע אַרבעטער האָבן זיך פרייוויליק געמאָלדן אין גדוד מיט דער כוונה צו פאַרבלייבן אין ארץ־ישראל נאָך דער מלחמה. „די עליה קיין ארץ־ישראל אין האָקי־מונדורן איז געוואָרן אַ פּאָפּולערע לאָזונג אין אַמעריקע" — דערציילט י. בן־צבי. אַמעריקע איז, אַלזאָ, פאַרויס געגאַנגען אייראָפּע נישט בלויז מיטן שאַפן פון „החלוץ", נאָר אויך מיטן אַרויסשיקן זיינע חברים קיין ארץ־ישראל. נאָר ניט זיי און ניט מיר האָבן ניט זוכה געווען, אַז זיי זאָלן אַלע פאַרבלייבן אין לאַנד. די ענגלישע מיליטער־מאַכט האָט זיך ניט באַצויגן מיט סימפּאַטיע צום יידישן גדוד און צום ציוניזם. דער ועד הצירים, וועלכער האָט געווירקט אין יענער צייט אין א"י, אַלס פאַרשטייער פון דער ציוניס־טישער באַוועגונג, האָט ניט אַנטפּלעקט די נויטיקע איניציאַטיוו, כדי צו העלפן די לעגיאָנערן פאַרבלייבן אין א"י. ער האָט ניט פאַרשטאַנען אָפּצושאַצן ווי געהעריק דעם ווערט פון יענעם מענטשן־מאַטעריאַל פאַרן אויפבוי פון לאַנד.

די מענטשן פון דער דריטער חלוצישער עליה, וועלכע האָבן זיך באַזעצט אין לאַנד, זענען אַזוי אַרום געקומען דערהויפּט פון אייראָפּע, און בלויז אַ קליינער טייל פון אַמעריקע.

אין די דורכגאַנגס-לענדער

נישט בלויז די רוסישע חלוצים, נאָר אויך די ערשטע פון דער פּוילישער און ליטווישער עליה זענען דורכגעגאַנגען „גילגול מחילות" אויף זייער וועג קיין ארץ־ישראל — לאַנגע רייזע־וואָגלע־נישן מיט פאַרשידענע צווישן־סטאַציעס, פאַרבונדן מיט פיל יסורים. די פּוילישע חלוצים האָבן אויסגענוצט דעם צוזאַמענברוך פון דייטשן און עסטרייכישן אָקופּאַציע־מיליטער, וועלכער האָט זיך אומגעקערט אין זיינע היימען אָן קאָנטראָל און אָן סדר — און זיך אַריינגעגנבעט אין די פולגעפּאַקטע מיליטערישע וואַגאָנעס, און אַזוי־אַרום דער־גאַנגען אין פאַרשידענע צענטרען אין אייראָפּע און אפילו קיין טריעסט. און ווען דאָס אָקופּאַציע־מיליטער איז אַוועק און ס'האָט

זיך באַפּעסטיקט די ציוויל־מאַכט, האָבן די חלוצים אָנגעהויבן שוואַרצן די שלעזישע גרענעץ קיין עסטרייך און דייטשלאַנד. פיל זענען געבליבן שטעקן אין פאַרשידענע ערטער און ביז האָלאַנד זענען זיי דערגאַנגען. אין אַ בריוו פון דאָרט, פון יאָר 1919 ווערט געזאָגט: „קיין שום זאַך וועט אונז ניט אָפּהאַלטן. סיי דורכן ים און סיי דורך דער יבשה וועלן מיר דערגיין. מיר האָבן געלערנט די תורה אַדורכרייסן גרענעצן... און אויב דאָס איז אַ וואַנט, וועלן מיר זי דורכברעכן". אַ גרופּע חלוצים פון ליטע איז דערגאַנגען ביזן ריין־געביט, געאַרבעט אין די קוילן־גרובנס און פון דאָרט איז זי אַריבער קיין פראַנקרייך. די פריערדערמאָנטע „גרופּע 105" איז געווען אין וועג אַ האַלב יאָר. די רוסישע און אוקראַינישע חלוצים כמעט אַלע אָן אויסנאַם האָבן פאַרזוכט דעם ביטערן טעם פון וואַנדע־רונגען, וואָס האָבן אָפּט געדויערט צוויי און דריי יאָר, און וואָס זענען געווען איין לאַנגע קייט פון ליידן און נויט.

אין פּוילן האָט עקזיסטירט אַ באַזונדערע אָרגאַניזאַציע פון רוסישע און אוקראַינישע חלוצים, וועלכע האָט צוזאַמענגעאַרבעט מיטן פּוילישן „החלוץ".

ניט תמיד האָבן די געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס, און אפילו די ציוניסטישע, געוואוסט ווי געהעריק אויפצונעמען די חלוצים. די זכרונות פון די חברים און די דאָקומענטן, וועלכע זענען פאַרבליבן פון יענער תקופה, זענען פול מיט ווייטיק כלפּי די מענטשן און די אינסטיטוציעס, פון וועלכע זיי האָבן דערוואַרטעט הילף. די נעגאַטיווע שטעלונג פון דער ציוניסטישער לייטונג אין לאַנדאָן צו דער עליה אין יענע טעג האָט ניט ווינציק באַשטימט די באַציאונג צו זיי. די חלוצים זענען אָנגעגריפן געוואָרן, פאַרוואָס זיי האָבן געוואַגט צו קומען, טראָץ די מעלדונגען און וואָרנונגען פון דער ציוניסטישער לייטונג און מאַנכמאָל האָט מען פון זיי געפאָדערט זיך צוריקצוקערן.

די חלוצישע געזינונג פון די חברים און די שוועריקייטן, אָן וועלכע זיי האָבן זיך אָנגעשטויסן, האָבן באַוואויגן די חלוצים

צו זוכן וועגן פאַר זעלבסטהילף. אין יעדן אָרט, וואו זיי זענען געקומען — האָבן זיי זיך אָרגאַניזירט, געשאַפן „החלוץ"־היימען, אַרבעטס־ביוראָען. וואו ניט־וואו האָבן זיי געשאַפן קאָאָפּעראַטיוון. זיי האָבן זיך באַנוצט מיט הילף פון אינסטיטוציעס, ווי „אָרט", „הילף דורך אַרבעט" און אַנטוויקלט אַן הכשרה־טעטיקייט. גרויסע אָנשטרענגונגען זענען געמאַכט געוואָרן, כדי די חלוצים זאָלן ניט אָנקומען צו דער הילף פון צדקה־אַנשטאַלטן, און כדי עס זאָל אָפּגעהיט ווערן די חלוצישע געשטאַלט פון די חברים.

עפנט די טויערן!

הגם די באַלפור־דעקלעראַציע איז פּאַרפענטלעכט געוואָרן גלאַך אין יאָר 1917 און אין דעם זעלבן יאָר איז דער דרום־טייל פון לאַנד דעראָבערט געוואָרן דורכן ענגלישן מיליטער, איז דער ענין עליה רעגולירט געוואָרן ערשט אין מיטן 1920־טן יאָר. ביז דער העלפט 1920 האָט מיטן לאַנד פאַרוואַלטעט די מיליטער־אָקופּאַציע, וועלכע האָט זיך פיינטלעך באַצויגן צום ציוניזם. דאָס אַרויסגעבן פון עליה־דערלויבענישן איז געווען אָפּהענגיק פון דער מיליטערישער אַדמיניסטראַציע אין מצרים, און יענע האָט זיך ניט געאיילט דערלויבן די עליה. ערשט אין אָנהויב 1920 האָט וייצמאַן געקראָגן אַן הבטחה פון דער אָקופּאַציע־מאַכט, אַז מען וועט ניט שטערן אַריינבריינגען עטלעכע הונדערט בעלי־מלאכה. אָבער די דערלויבעניש האָט מען פאַקטיש באַקומען ערשט אין אַ האַלב יאָר אַרום.

אויף דער ציוניסטישער קאָנפערענץ אין לאָנדאָן, אין פעברואַר 1919, האָט זיך געשטאַרקט די פאָדערונג צו פאַרגרעסערן די עליה קיין ארץ־ישראל, און ס'איז געשאַפן געוואָרן אַן עליה־אָפּטיילונג ביי דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. די מיטגלידער פון דער עליה־אָפּטיילונג האָבן אָבער געהאַלטן, אַז די עליה דאַרף זיין אָפּהענגיק איינציק און אַליין פון דער אויפנאַמס־פעאיקייט פון ארץ־ישראל, און די אויפנאַמס־מעגלעכקייטן זענען דאַן געווען

נישטיקע. די ציוניסטישע לייטונג אין לאָנדאָן האָט צוגעגרייט גרויסע פּלענער פאַר אויפבוי און קאָלאָניזאַציע אין ארץ־ישראל, אָבער אינצווישן האָט מען גאָרניט געטאָן כדי אויפצונעמען די ווינציקע, וואָס האָבן זיך אַריינבאַקומען אין לאַנד אַריין. אַזױ־אַרום איז די ציוניסטישע לייטונג דערגאַנגען צו טאָטן, וואָס זענען געווען אין בולט׳ער סתירה צו איר אויפגאַבע — זי האָט אָנגעהויבן האַמע־ווען די עליה אָנשטאָט זי צו דערמוטיקן.

נאָכ׳ן צירקולאַר פון דער ציוניסטישער לייטונג אין לאָנדאָן פון אַפּריל 1919, אין וועלכן זי וואָרנט פאַר ניט־אָרגאַניזירטער עליה, איז געקומען אַ צווייטער צירקולאַר אין אויגוסט 1919, אין וועלכן ס׳איז געווען געשריבן צווישן אַנדערן: „זאָל קיינער ניט וואַגן צעשטערן זיין היים און זיינע געשעפטן, איידער ער ווייסט ניט אויף קלאָר, צי ער וועט זיך קענען באַזעצן אין לאַנד. אַ ניט־גערעגעלטע און ניט־צוגעגרייטע מאַסן־אימיגראַציע וועט זיין דער גרעסטער אומגליק פאַר די עולים און פאַר אונזער לאַנד, וואָס ווערט אויפגעלעבט". די עליה איז דערלויבט געוואָרן פאַר די, וואָס קערן זיך צוריק אין לאַנד אַריין; פאַר פאַרשטייער פון אָרגאַניזאַציעס און געזעלשאַפטן, פאַר „האַנטווערקער, ספּעציאַליסטן פון באַשטימטע פאַכן און פאַר באַזיצער פון אַ גרויסן אייגנטום, וואָס קאָנען זיך באַלד איינאָרדנען אין לאַנד. מיר וואָרנען נאָך אַמאָל: זאָלן די מאַסן ניט וואַגן עולה זיין, דרענגט ניט דעם קץ".

די אַרבעטערשאַפט אין א״י האָט אָפּגעשאַצט דעם אינהאַלט פון יענער פאַראָרדנונג: די דאָזיקע עליה־גזירה מיינט פּאַקטיש בלויז דעם אַרבעטער — דעם חלוץ. דאָס עפענען די טויערן בלויז פאַר די פאַרמעגלעכע עלעמענטן וועט פירן צו דער געפאַר פון אויסנוצן פרעמדע אַרבעט און וועט אָפּשוואַכן די פּאָזיציעס פונם יידישן אַרבעטער אין ארץ־ישראל.

אָבער די יידישע יוגנט האָט ניט געלייגט קיין געוויכט אויף צירקולאַרן און באַפעלן, נאָר געזוכט עליה־מעגלעכקייטן.

אין דער העלפט פון יאָר 1920 איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן

דער „עמיגראַציע־באַפעל — 1920״, וועלכער האָט באַשטימט דעם יסוד פון „שעדיול״ — די עליה־קוואָטע, וואָס וועט געגעבן ווערן פון צייט צו צייט פאַר באַזיצלאָזע עולים, אויף גרונט פון אַ באַראַטונג מיט דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, וועלכע גאַראַנטירט פאַר זייער איינאָרדנונג ביי אַרבעט אין משך פון אַ יאָר צייט. פאַרן ערשטן יאָר איז באַשטימט געוואָרן אַ קוואָטע פון 16,500 סערטי־פיקאַטן.

אַ קורצע צייט נאָכדעם האָט די ציוניסטישע לייטונג, וועלכע האָט ניט פאַרמאָגט קיין שום מיטלען און איז געווען באַזאָרגט פאַרן גורל פון די עולים, וועלכע וועלן אָנקומען אָן אַ שום מעג־לעכקייט זיך איינצואָרדנען, זיך געווענדעט טעלעגראַפיש אין די עליה־צענטערן אָפּצוהאַלטן צייטווייליק די עליה. אָבער דער דראַנג קיין ארץ־ישראל איז געווען גרויס, און אונטער זיין דרוק זענען די פּאַלעסטינע־אַמטן געווען געצוואונגען זיך צו ווענדן צו דער ציוניסטישער לייטונג און פאָדערן דערלייכטערונגען פאַר די עולים־גרופּן. די ענגלישע פאַרטרעטער אין די פאַרשידענע צענטערן פון אייראָפּע האָבן געזוכט כלערליי מיטלען, כדי צו פאַרשווערן די עליה.

אין באַריכט פון דער ציוניסטישער לייטונג צום צוועלפטן קאָנגרעס (1921) ווערט דערציילט, ווי אַזוי עס האָט זיך אָנגעהויבן די געאָרדענטע עליה קיין ארץ־ישראל. באַלד נאָכן פּאָגראָם אין ירושלים אין 1920 יאָר, האָבן זיך געווענדעט עטלעכע פאַרשטייער פון „התאחדות״ — חברים פון „הפּועל הצעיר״ אין ארץ־ישראל — צו עטלעכע מיטגלידער פון ציוניסטישן אַקציאָנס־קאָמיטעט און געבעטן ביי זיי צו באַזאָרגן אַ קליינע געלט־סומע, אויף צו דעקן די רייזע־הוצאות פאַר די חלוצים, וועלכע זענען געבליבן שטעקן אין די דורכגאַנגס־לענדער. דער לייטער פון עליה־אָפּטיילונג איז ניט געווען דעמאָלט אין לאָנדאָן און זיי האָבן אויף אייגענער אחריות געגעבן אַ באַשטימטן סכום. יענע חברים האָבן געגרינדעט אין ווין אַ צענטראַלן עליה־קאָמיטעט פון דער אַלוועלטלעכער פאַריייניקונג

פון „צעירי־ציון" און „הפועל־הצעיר" (געווען אויך אַ פאַרשטייער פון „החלוץ"), וועלכער האָט זיך פאַרנומען מיט קלייבן די עולים. די טעטיקייט פון יענע חברים האָט זיך געצויגן אַ האַלב יאָר — ביז סוף 1920. דער באַריכט באַצייכנט, אַז „דערמיט האָט זיך אייגנ־טלעך אָנגעהויבן די עליה".

דער פּאָגראָם אין יפו, אין מאַי 1921, בעת וועלכן ס'זענען דערמאָרדעט געוואָרן י. ח. ברענער און צבי שאַץ, האָט גורם געווען צום „סטאָפּ־עמיגריישן" באַפעל. די גזירה האָט געטראָפן אויך די, וואָס האָבן שוין געהאַט ענגלישע וויזעס, און אויך די וועלכע זענען אָנגעקומען צו די ברעגעס פון א"י. הונדערט חלוצים פון רוסלאַנד, וועלכע זענען אָנגעקומען אָנהויב מאַי מיט דער שיף „דאַלמאַציע" צו די ברעגעס פון לאַנד, האָט מען צוריקגעקערט קיין קאָנסטאַנ־טינאָפּאָל. אַנדערע שיפן וואָס האָבן געפירט חלוצים, זענען פאַרהאַלטן געוואָרן אין מצרים און האָבן געקראָגן אַ באַפעל צוריק־צוקערן קיין טריעסט.

אַלס רעאַקציע אויף די געשעענישן אין יפו האָבן זיך באַלד געלאָזן פינף הונדערט חלוצים פון וואַרשע אויפן וועג אין לאַנד אַריין. אין ווין האָבן זיך צו זיי אָנגעשלאָסן נאָך 200 חלוצים. זיי האָבן זיך געגרייט אָפּצושווימען מיט דער שיף „קאַרנעאַלאַ", אָבער דער באַפעל פון דער ארץ־ישראלדיקער רעגירונג האָט געשטערט זייער אָפּפאָרן.

אין די פּאָרט־שטעט (טריעסט, גאַלאַץ, קאָנסטאַנטינאָפּאָל) און אין ווין האָבן זיך געפונען אַרום צוויי טויזנט עולים, מיט כשר'ע איינרייזע־דאָקומענטן, און דאָך האָט מען זיי ניט דערלויבט זיך צו רירן פונם אָרט. אין די חדשים מאַי און יוני זענען אַריין אין לאַנד בלויז געציילטע עולים: אין מאַי — 230, אין יוני — 89. אָבער דער עליה־שטראָם האָט אָנגעהויבן שטייגן פון חודש סעפּ־טעמבער און ווייטער.

די געשעענישן אין יפו זענען געווען אַן אָנהויב צו אַ רייע באַגרענצונגען און גזירות קעגן דער יידישער עליה, וועלכע האָבן

אויך פריער ניט געפעלט. דער עליה־שטראָם האָט זיך אָבער ניט אָפּ־געשטעלט. מען האָט געזוכט וועגן גובר צו זיין די שטערונגען, וואָס די רעגירונג האָט געלייגט אויף די וועגן.

די טויזנטער חלוצים, וואָס האָבן זיך געפונען אויף די וועגן, וועלכע האָבן פאַרברענט אַלע בריקן הינטער זיך, זענען געווען דער הויפּט־פאַקטאָר פון אַדורכברעכן די טויערן פון לאַנד, וועלכע זענען שטרענג באַוואַכט געוואָרן פון דער מאַנדאַט־מאַכט. די דאָזיקע וואַנדערנדיקע חלוצים האָבן געשאַפן אַ שטאַרקן דרוק אויך אויף דער ציוניסטישער לייטונג און זי געצוואונגען ניט צו רוען און אַריבערצוגיין פון פּאַסיוויטעט צו אַ קאַמף, דערלייכטערן די עליה פאַר די, וועלכע רייסן זיך אין לאַנד אַריין. און ניט בלויז אויף דער ציוניסטישער לייטונג נאָר אויך אויף דער רעגירונג האָט עס געווירקט — און זי איז געווען געצוואונגען אַרונטער־צונעמען די שלעסער פון די ארץ־ישראל טויערן.

ווער זענען די עולים?

ניט לייכט איז פעסטצושטעלן די גרענעצן, וועלכע טיילן אָפּ די דריטע עליה פון דער פערטער. ס'איז ניט געווען קיין הפסקה צווישן די צוויי עליות אַזוי ווי עס איז געווען פון דער צווייטער עליה ביז צו דער דריטער, אָבער מיר וועלן ניט האָבן קיין טעות, אויב מיר וועלן פעסטשטעלן די ענדע פון דער דריטער עליה אין מיטן יאָר 1923. אָנפאַנג מאַי 1923 האָט די שיף „קאָרינטיאַ" געבראַכט עטלעכע הונדערט חלוצים — די לעצטע „דורכגאַנגס־חלוצים" אין פוילן, וואָס פיל פון זיי זענען געווען אונטערוועגנס צוויי און דריי יאָר. נאָך זיי ביז צו דעם שטראָם פון דער פערטער עליה, זענען אָנגעקומען בלויז קליינע גרופּן פון חלוצים.

שווער פעסטצושטעלן דעם פּראָצענט פון חלוצים אין דער דריטער עליה. מען האָט דאָס ניט רעגיסטרירט באַצייטנס. פון די טויזנטער חברים, וועלכע זענען עולה געווען פון רוסלאַנד, איז בלויז אַ טייל געקומען מיטן וויסן פון די „החלוץ"־צענטראַלעס און

מיט זייער באַשטעטיקונג. דער גרעסטער טייל, דאָקעגן, איז געקומען לויט זייער אייגענער איניציאַטיוו. פיל האָבן זיך ניט געררופן „החלוץ", נאָר בלויז אין די סאַמע לעצטע טעג פון זייער אָרגאַניזירונג צו עליה. אין די דורכגאַנגס־לענדער, מיט דער אויסנאַם פון רומעניע און ליטע, איז יעדער יונגער עולה באַטראַכט געוואָרן אַלס אַ חלוץ.

די דריטע עליה האָט זיך אויסגעצייכנט מיט אַ הויכן פּראָצענט פון יונגע מענטשן און חלוצים.

אינ׳ם זאַמלהעפט „העליה", וואָס די עליה־אָפּטיילונג פון דער יידישער אַגענץ האָט פאַרעפענטלעכט אין יאָר 1935, זענען אָנגעגעבן די פאָלגענדיקע צאָלן:

אין יאָר	1919	— 806	עולים
„ „	1920	— 8223	„
„ „	1921	— 8294	„
„ „	1922	— 8685	„
„ „	1923	— 8175	„
בסך־הכל		34183	עולים

פון די מזרח־לענדער איז בלויז אַ גאַנץ קליינער פּראָצענט געווען פאַרטראָטן אין דער דריטער עליה. באַזונדערס געקריוודעט איז געווען די תימני׳שע עדה, פון וועלכער בלויז צוויי הונדערט מענטשן האָבן עולה געווען אין יענער תקופה.

די רוסישע בירגער האָבן אויסגעמאַכט אין דער דריטער עליה אַן ערך 45%, פּוילישע — קרוב 30%.

די שוין דערמאָנטע, פעלן גענויע צאָלן וועגן טייל פון „החלוץ" אין דער דריטער עליה. אין דער אַרבעטער־ציילונג אין ארץ־ישראל, וועלכע איז געמאַכט געוואָרן דעם 1 סעפּטעמבער 1926 האָבן זיך 8692 (פון צווישן 31836 געציילטע) אָנגעגעבן אַלס געוועזענע „החלוץ"־מיטגלידער (27.3%). ווען מען רעכנט אַראָפּ פון דער דאָזיקער צאָל דעם טייל חלוצים, וועלכע האָבן עולה געווען אין דער

צייט פון נאָך דער דריטער עליה (אין די יאָרן 1924, 1925, 1926) וואָס מאַכן אויס איבער דריי טויזנט, קען מען אָננעמען, אַז אין דער צייט פון דער דריטער עליה זענען אַריין אין לאַנד איבער פינף טויזנט חלוצים. צו זיי דאַרף מען צורעכענען עטלעכע הונדערט חברים פון „השומר הצעיר״, וועלכע האָבן זיך ניט אָנגעגעבן אַלס „החלוץ״־מיטגלידער. אין קיין שום עליה איז דער פּראָצענט פון חלוצים ניט געווען אַזאַ הויכער. (די אָנגעגעבענע צאָל איז נאָר אַ בערך׳דיקע, און איז אַ ודאי אַ מינימאַלע. עס איז מעגלעך, אַז עס זענען געווען מער פון 6000 חלוצים).

אָבער דער אָרט, וואָס די „החלוץ״־חברים האָבן פאַרנומען אין אַרבעטער־לעבן, אין כיבוש און און אין דער שאַפונג פון יידישן דאָרף, איז פיל איבערגעשטיגן דעם פּאַקטישן פּראָצענט זייערן אין דער אַרבעטערשאַפט. 93% פון די „החלוץ״־מיטגלידער האָבן זיך אָנגעשלאָסן אַן דער הסתדרות, דאַקעגן פון דער אַלגעמיינער אַרבעטערשאַפט האָבן בלויז 70,8% אָנגעהערט דער הסתדרות.

פון דער אַלגעמיינער אַרבעטערשאַפט זענען 73,6% געווען אין שטאָט און 26,4% אין די מושבות און אַרבעטער־ישובים, דאַקעגן פון די „החלוץ״־מיטגלידער זענען 60,7% געווען אין שטאָט און 39,3% אין די מושבות און אַרבעטער־ישובים.

די צאָלן זענען פון יאָר 1926. עס איז דאָ אַ יסוד אָנצונעמען, אַז אין דער צייט פון דער דריטער עליה איז דער פּראָצענטזאַץ פון די געוועזענע „החלוץ״־מיטגלידער אויסערהאַלב דער שטאָט געווען אַסך גרעסער. די דערציאונגס־טעטיקייט פון „החלוץ״ האָט אַן צווייפל, געבראַכט געהעריקע פרוכטן.

די יידישע ווירטשאַפט אין לאַנד

קליין און נעבעכדיק איז געווען דער יידישער ישוב אין לאַנד ביים סוף פון דער פריערדיקער וועלט־מלחמה. ער האָט געציילט בלויז 56 טויזנט נפשות, שוין איינגערעכנט דעם אַלטן ישוב — דאָס הייסט: פיל ווייניקער ווי פאַר דער מלחמה (85.000).

די צאָל יידן אין דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג איז ניט געווען העכער ווי 10%.

ביים סוף פון דער מלחמה איז געווען אין יידישן באַזיץ איבער 400 טויזנט דונאַם באָדן, אָבער בלויז אַ קליינער טייל איז באַאַרבעט געוואָרן אויף אַן אינטענסיוון אופן. אַ גרויסער טייל פון זיי איז פאַרוויסט געוואָרן אין דער מלחמה־צייט. כמעט די גאַנצע אַרבעט איז געטאָן געוואָרן דורך ניט־יידישע הענט. די יידן זענען געווען די באַזיצער און משגיחים. ווען ס׳האָבן ניט געקלעקט די פעלאַכן פון דער סביבה, האָט מען געבראַכט בעדואינער פון ווייטע מקומות, וועלכע האָבן צוזאַמען מיט זייערע משפחות געאַרבעט פאַר נישטיקע לוינען.

די מושבה איז ניט געווען אין די יאָרן 1920־23 קיין וויכטיקער אויפבאַמס־פאַקטאָר. אויך איר איינזייטיקער לאַנדווירטשאַפטלעכער כאַראַקטער — בלויז פלאַנטאַציעס אָדער בלויז פלחה (תבואות־קולטור) אָן אַנדערע לאַנדווירטשאַפטלעכע צווייגן, ווי מילך־ווירט־שאַפט, עופות־צוכט, גרינסן א. א. — האָט ניט דערמעגלעכט קיין נאָרמאַלע עקזיסטענץ און שטענדיקע באַשעפטיקונג פאַר די אַרבעטער.

די גאַנצע ארץ־ישראלדיקע ווירטשאַפט, און דערונטער אויך דער יידישער סעקטאָר, איז געווען אָפּגעשטאַנען אין איר אַנטוויקלונג. קיין ערנסטע אינדוסטריע איז ניט געווען. בעיקר איז דאָס געווען הויז־אינדוסטריע פון אַ גאָר פרימיטיוון כאַראַקטער.

בעת דער רעגיסטראַציע פון דער יידישער אינדוסטריע און האַנטווערק אין יאָר 1921־22, איז פעסטגעשטעלט געוואָרן, אַז אין 1850 אונטערנעמונגען האָבן געאַרבעט ניט מער ווי 4750 מענטשן, באַלעבאַטים און אַרבעטער צוזאַמען, צווישן זיי 1158 אונטערנע־מונגען, אַן ערך צוויי דריטל, וואָס האָבן באַשעפטיקט בלויז איין אַרבעטער און אין 267 — צוויי אַרבעטער. די צאָל אונטערנעמונגען וואָס האָבן באַשעפטיקט איבער 3 אַרבעטער, אָדער וואָס האָבן זיך באַנוצט מיט מעכאַנישער קראַפט, איז געווען גאָר אַ קליינע. אין

92% פון די אונטערנעמונגען איז אינוועסטירט געוואָרן ניט מער ווי 500 פונט אין אַ יעדער. אויך די אינדוסטריע און דער האַנטווערק האָבן ניט געקאָנט אין זייער דעמאָלטיקן מצב אויפנעמען אַ סך אַרבעטער.

די מיטלען, וועלכע זענען אַריינגעקומען אין דער קאַסע פון דער ציוניסטישער באַוועגונג, זענען געווען באַשרענקטע און האָבן ניט געקלעקט פאַר אַ טעטיקייט פון אַ גרויסן פאַרנעם, ווי מען האָט געחלומט ביים סוף פון דער וועלט־מלחמה.

די דריטע עליה האָט אַזוי אַרום אָנגעטראָפן גאָר קנאַפּע מעגלעכקייטן אויף אַריינצודרינגען אין דער עקזיסטירענדער ווירט־שאַפט, און זי איז געווען געצווונגען צו זוכן נייע אַרבעטס־קוואַלן און עקזיסטענץ־מעגלעכקייטן און דורכברעכן נייע וועגן.

די באַגעגעניש פון דער צווייטער עליה מיט דער דריטער

די באַגעגעניש פון דער דריטער עליה מיט דער צווייטער איז געווען גאָר אַנדערש, ווי פון דער צווייטער עליה מיט דער ערשטער. צווישן דער צווייטער עליה און דער ערשטער איז כמעט ניט געווען קיין פאָדעם, וואָס זאָל זיי פאַרבינדן, און אַ אָפּגרונט פון פרעמדקייט האָט געטיילט צווישן זיי. ס׳האָט זיי געטיילט דער פאַרשידענער עלטער, דער פאַרשידענער סאָציאַלער צושטאַנד, די ציוניסטישע אויפפאַסונג (די צווייטע עליה האָט זיך אָנגעהויבן באַכ׳ן אוגאַנדע־קריזיס, און אין אַ גרויסער מאָס אַלס פּראָטעסט קעגן אוגאַנדיזם, דאַקעגן צווישן די קאָלאָניסטן אין די מושבות האָבן זיך געפונען פיל אוגאנדיסטן), די באַציונג צו רעליגיע, צו אַרבעט, צו דער שפּראַך, און איבער אַלעמען — פּסיכאָלאָגישע קאָנטראַסטן, וואָס דערשיינען ביי אַ באַגעגעניש צווישן מענטשן, וואָס זענען ענטוזיאַסטיש צו אַן אידעע און זענען איר איבערגעגעבן מיטן גאַנצן יוגנט־ברען און פרישקייט, און צווישן מענטשן וואָס האָבן, אינצווישן, זיך אַנטוישט אין דער אידעע.

אַנדערש איז געווען די באַגעגעניש צווישן דער צווייטער

עליה און דער דריטער עליה. נישט בלויז וואָס ס׳איז ניט געווען קיין שום זכר צו דעם אַלעמען, וואָס האָט געטיילט די פריערדיקע צוויי עליות, ניט בלויז וואָס זיי האָבן גערעדט איין שפּראַך — מכוח דעם שאַפן פון אַ יידישער אַרבעטער־געזעלשאַפט אין ארץ־ישראל — נאָר די צווייטע עליה האָט קריסטאַליזירט פונדאַמענטאַלע אידייאישע ווערטן אין אויפבוי פון לאַנד און האָט אויך צוגעגרייט די ערשטע אָרגאַניזאַציאָנעלע ראַמען, וואָס האָבן פאַרלייכטערט פאַר די קומענדיקע דאָס איינאָרדנען און פאַרוואָרצלען זיך אין לאַנד.

נאָך אין די צייטן פון דער צווייטער עליה האָבן די אַרבע־טער־פּאַרטייען אין לאַנד געפלעגט די פאַרבינדונגען מיט דער יידישער יוגנט און אַרבעטערשאַפט אין די גלות־לענדער. די „הפועל־הצעיר"־פּאַרטיי האָט פיל געטאָן, כדי צו שטאַרקן די „צעירי־ציון"־באַוועגונג, וועלכע האָט אַרויסגעגעבן אַ סך חלוצים אויך אין די צייטן פון דער צווייטער עליה און באַזונדערס אין די צייטן פון דער דריטער עליה. אויך די „פועלי־ציון"־פּאַרטיי אין א״י האָט פיל געלייסטעט צווישן דער יידישער אַרבעטערשאַפט אין גלות, שטייענדיק אין קאָנטאַקט מיט די „פועלי ציון"־אָרגאַניזאַציעס אין די פאַרשידענע לענדער. דער דאָזיקער קאָנטאַקט, וועלכער איז צוליב דער מלחמה איבערגעריסן געוואָרן, האָט זיך ווידער באַנייט נאָך דעם ווי די מלחמה האָט זיך געענדיקט. אין יאָר 1919 איז יוסף באַראַץ געקומען קיין רוסלאַנד און זיך באַגעגנט מיט די חברים, וועלכע האָבן געשטרעבט קיין א״י. נאָך דעם פאָגראָם אין ירושלים זענען אַרויסגעפאָרן קיין חוץ־לארץ דעלעגאַטן פון ביידע פּאַר־טייען, „הפועל־הצעיר" און „אחדות־העבודה", צו אַרבעטן אין „החלוץ".

און אין ארץ־ישראל האָבן די מענטשן פון דער דריטער עליה אָנגעטראָפן אַ רייע אינסטיטוציעס און ווערק, וועלכע זענען געשאַפן געוואָרן דורך דער צווייטער עליה,און וועלכע האָבן זיי פיל פאַר־לייכטערט זייער עקאָנאָמישן און גייסטיקן פאַרוואָרצלען זיך. די

צווייטע עליה האָט אויך באַוויזן צו שאַפן אַן ערנסטע אַרבעטס־ליטעראַטור. ס׳זענען אויך געשאַפן געוואָרן אַרבעטער־פּאַרטייען, וועלכע האָבן באַוויזן צו קריסטאַליזירן אַ ציוניסטיש־סאָציאַליס־טישע וועלט־אנשויונג, וואָס האָט געצויגן איר יניקה פון דער ארץ־ישראל־ווירקלעכקייט, און ביי זיי אינסטיטוציעס, וואָס האָבן גע־זאָרגט פאַר די מאַטעריעלע, פּראָפעסיאָנעלע און געזעלשאַפטלעכע ענינים פון די אַרבעטער. ס׳זענען געשאַפן געוואָרן וויכטיקע געזעל־שאַפטלעכע און אידעאישע ווערטן, וואָס זענען איבערגעגעבן גע־וואָרן דער דריטער עליה, און אַ טייל פון די פירער־לערער פון דער צווייטער עליה האָבן באַצויבערנדיק געווירקט אויף דער יינגער דריטער עליה (א. ד. גאָרדאָן, י. ח. ברענער, ב. קאַצנעלסאָן, י. אהראָנאָוויטש און אַנדערע). די מענטשן פון דער דריטער עליה האָבן געלערנט פון זייערע פאָרגייער די אַרבעט און איר אָרגאַניזאַ־ציע, געלערנט קענען די שכנים און די צוגרייטונג צו הגנה, און באַזונדערס האָט די צווייטע עליה געווירקט מיט איר פּראַקטפּולער שאַפונג — מיט ד ע ר קבוצה. די דריטע עליה האָט ניט געמוזט אָנהויבן אַלץ פונדאָסניי. דאַריבער האָט זי אויסגעמיטן אַלע די שטרויכלונגען, וועלכע ס׳זענען אַדורכגעגאַנגען די מענטשן פון דער צווייטער עליה.

אָבער די קאָנטאַקטלאָזיקייט צווישן א״י און גלות אין משך פון די 5—6 מלחמה־יאָרן האָט פיל געווירקט. אויך די באַדינגונגען, אין וועלכע ס׳זענען אויפגעוואַקסן און געווירקטביידע עליות, זענען געווען עקסטרעם פאַרשידן. די צווייטע עליה איז פאָרגעקומען אין דער צייט פון דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע און אין די יאָרן נאָך איר, ווען ס׳האָט זיך געשטאַרקט די געזעלשאַפטלעכע רעאַקציע. אין ציוניזם זענען דאָס געווען די טעג פון נאָך אוגאַנדאַ־קריזיס. אָפּהענטיקייט און יאוש האָבן געהערשט אין דער מחנה. „און ווען יעדע האָפנונג אין ציוניזם האָט אויפגעהערט און איז פאַרשוווּנדן, בשעת די יידישע יוגנט האָט אָנגעהויבן זיך צוריקציען פון דער מחנה, בעת אַלע יסודות פון אָרגאַנישן ציוניזם — ליבע צום לאַנד,

אויפלעבונג פון דער שפּראַך, ערד־אַרבעט — האָבן אָנגעהויבן צערפאַלן, גראָד אין יענעם מאָמענט האָט זיך בדרך נס געפונען אַ קליינער און שוואַכער הייפל מענטשן, וואָס איז אַליין געשטאַנען אויפן ברעג פונם אָפּגרונט, און אָט דאָס הייפל האָט אין זיך געפונען אַ משונה׳דיקן כוח — ניט קיין אמונה און האָפענונג, נאָר די קראַפט וואָס האָט זיך גענומען פון דעם געדאַנק, אַז אפשר זענען מיר די לעצטע, און אויב ס׳איז אַ גזירה פון דער געשיכטע, אַז ס׳איז ניטאָ קיין צוקונפט פאַר אונזער אויפלעבונג, מוזן מיר זיין די לעצטע, אָבער דעם שלאַכטפעלד טאָרן מיר ניט פאַרלאָזן. דער פאַקל, וואָס יוסף חיים ברענער האָט אָנגעצונדען אויף די ברעגעס פון דער טעמזע, מיט זיין רוף: „די לעצטע וועלן מיר זיין אויף דעם מויער!" אויך דאָס האָט געטאָן זיין שליחות. ס׳האָט זיך אויפגעוועקט אַ פאַראַכטונג — צו פאַראַכטן די ארץ־ישראלדיקע אָפּגעלאָזנקייט און די אָפּהענטיקייט אין דער ציוניסטישער באַוועגונג. ס׳איז אַנטשטאַנען אַ רעוואָלוציאָנערע ברויזונג — ניט קעגן רעגירונגען, ניט קעגן דער דעספּאָטיע פון די ראָמאַנאָווס, ניט קעגן דער געזעלשאַפטלעכער אָרדענונג בכלל — נאָר אַ בונט קעגן דער באַוועגונג, אין וועלכער ס׳איז געבוירן אָט דער דור, קעגן דער ציוניסטישער באַוועגונג, קעגן דער יידישער אינטעליגענץ, קעגן דער העברעאישער ליטעראַטור — אַ קרעפטיקער רעוואָלוציאָנערער אויפברויז אויף אַלע לעבנס־שטחים" („דער נס פון דער צווייטער עליה" — פון בערל קאַצ־נעלסאָן).

אַנדערש איז געווען די דריטע עליה, וועלכע איז געבוירן געוואָרן אין אַ עפּאָכע פון היסטאָרישע ערשיטערונגען, וואָס האָבן געענדערט דעם וועלט־גאַנג. דאָ און דאָרט זענען אויסגעבראָכן סאָציאַלע רעוואָלוציעס. דורות־לאַנג אונטערדריקטע פעלקער האָבן זיך באַפרייט. ס׳איז נאָך מער קלאָר געוואָרן ווי ווייט אומגעלעך עס איז פאַרצווייפלט צו פאַרזוען דעם גלות־לעבן, וואָס זיינע פונדאַמענטן זענען דערשיטערט געוואָרן דורך דער סאָציאַלער רעוואָלוציע און נאַציאָנאַלער אויפלעבונג פון די פעלקער, צווישן וועלכע ס׳האָבן געלעבט

די יידישע מאַסן. דער שאַרף פון נאַציאָנאַליזם ביי די באַפרייטע פעל־קער איז קודם־כל געווענדעט געוואָרן קעגן די יידן, ס׳זענען אויסגעבראָכן פאָגראָמען אין אוקראַינע און אין פוילין, און ס׳האָט זיך געשטאַרקט דער אַנטיסעמיטיזם אין אַנדערע צענטערן. דער דאָזיקער פאַקט האָט געשטאַרקט דעם געפיל, אַז מען טאָר מער ניט וואַרטן און מען קען ניט אָפּשטופּן די פאַרווירקלעכונג פון ציוניזם אין דער צוקונפט. און פון דער צווייטער זייט: די באַלפור־דעקלאַראַציע האָט געגעבן האָפנונג צו פאַרווירקלעכן דעם ציוניזם אין דער נאָענטסטער צייט.

אָבער דאָס פאַרלאָזן אייראָפּע און די צוגרייטונג פון ארץ־ישראל פאַר די מאַסן־עולים, האָט געפאָדערט צוגרייטן דעם באָדן און אָרגאַניזירן די עליה. דער געפיל פון דער דריטער עליה איז ניט געווען ווי פון „די לעצטע אויף דעם מויער”, נאָר ווי פון די ערשטע אין אַן אָנגריף, ניט ווי פון אַ „קליינעם און שוואַכן הייפל”, נאָר ווי פון אַ קערנדיקן כוח. ניט קיין מוט פון לעצטע פאַרצווייפלטע, נאָר אמונה און בטחון, אַז נאָך אין דעם דור איז מעגלעך צו פאַרווירקלעכן דעם טרוים פון „שיבת ציון”.

די דריטע עליה איז געווען דורכגעדרונגען מיט אָפּטימיזם, וועלכער האָט געהערשט איבער דער גאַנצער וועלט אין יענער צייט לגבי דער צוקונפט.

און ניט ווי די מענטשן פון דער צווייטער עליה, וואָס האָבן זיך צונויפגעקליבן אין א״י אייגנציקווייז, און ס׳האָט זיך זיי ניט איינגעגעבן צו שאַפן אין גלות אַן אָרגאַניזאַציע פון עולים, איז די מענטשן פון דער דריטער עליה געלונגען צו שאַפן אַ פעסטע עליה־אָרגאַניזאַציע — די „החלוץ”־באַוועגונג.

די צווייטע עליה האָט באַוויזן צו שאַפן אַן אָנהויב פון אַ יידישן לאַנדווירטשאַפטלעכן פראָלעטאַריאַט; די קבוצה, אַלס פונדאַמענט פאַר דער קאָלאָניזציע; דעם „השומר”; זי האָט געשאַפן הילף־אַנשטאַלטן פאַרן אַרבעטער — קופת חולים (קראַנקן־קאַסע), ועדת התרבות (קולטור־קאָמיסיע), „המשביר” און ערנסטע נסיונות

פון פראפעסיאנעלער ארגאניזירונג. דאס אלץ זענען געווען צ י ג ל, וואס אן זיי וואלט די דריטע עליה ניט געקאנט צוגיין צום אויפשטעלען דעם בנין. אבער די דריטע עליה איז געווען דורכ־געדרונגען מיט א הייסן גלויבן, אז זי איז בארופן געווארן פון דער היסטאריע אויפצושטעלן ד ע ם ב נ י ן פ ו ל ש ט ע נ ד י ק.

געווען אבער אייניקע גורמים, וואס האבן ניט דערלייכטערט די באגעגעניש. די צווייטע עליה איז ניט געווען פאראייניקט. דוקא אויפן שוועל פון דער דריטער עליה, ווען די ערשטע פון איר האבן אנגעהויבן קומען אין לאנד — האבן זיך געשטארקט די דיפערענצן צווישן די פארשידענע טיילן פון דער ארבעטערשאפט. עס זענען דאן געווען צוויי פאראלעלע ארבעטער־פארטייען — „הפועל הצעיר" און „אחדות העבודה", וועלכע האבן געהאט פאראלעלע אינסטיטוציעס: קופת חולים, משרדים קבלניים (אונטערנעמונגס־ ביוראען), א. א., און די קאנקורענץ צווישן זיי איבער יעדן חלוץ איז געווען א גרויסע. דער דאזיקער מצב האט דערוועקט שווערע געפילן ביי די נייע עולים. די חלוצים, וועלכע זענען געגאנגען צו די שאסיי־ארבעטן, זענען אויפגענומען געווארן דורך דער „אחדות העבודה" און „הפועל הצעיר", אבער דער גרעסטער טייל פון זיי האט זיך ניט אנגעשלאסן אן די פארטייען און האבן ניט מוחל געווען די מענטשן פון דער צווייטער עליה, וועלכע האבן ניט באוויזן זיך גובר צו זיין און דערפירן צו אן אלגעמיינער אחדות.

מען דארף ניט גרינגשאצן די באדייטונג פון דער בייגונג, וואס דערשיינט ביי יעדן עליה־שטראם, זיך צו באפרייען פון דער אפוטרופסות פון פריערדיקן שטראם, זיך זעלבסשטענדיק צו מאכן און שאפן עפעס נייעס. די דאזיקע בייגונג איז גאנץ בולט געקומען צום אויסדרוק אין דער באציונג פון דער דריטער עליה צו דער צווייטער. האט דאך די דריטע עליה, לויט דער צאל מענטשן פיל איבערגעשטיגן די צווייטע, און פיל זענען געווען אירע דערגאבערונ־גען אין אזעלכע שטחים אווו די צווייטע עליה האט כמעט גארניט באוויזן אויפצוטון. די דריטע עליה האט געשאפן גרויסע אומ־

פּאַרטייאישע פאַרבאַנדן, נאָך איידער די אַלגעמיינע הסתדרות איז געשאַפן געוואָרן. דער גדוד העבודה אויפן נאָמען פון י. טרומפּעל־דאָר איז געגרינדעט געוואָרן מיט אַ דריי חדשים פריער פאַר דער שאַפונג פון דער הסתדרות. אויך די אָרגאַניזאַציע פון אייזנבאַן־אַרבעטער, וואָס איז באַשטאַנען, אין איר גרעסטן טייל. פון חלוצים פון דער דריטער עליה, איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1919.

אין דער ערשטער צייט האָבן זיך ניט פיל צוזאַמען געטראָפן ביי דער אַרבעט די מענטשן פון דער דריטער עליה מיט די פון דער צווייטער, ווייל גאָר ווייניק זענען געווען די מענטשן פון דער צווייטער עליה ביי די שאָסיי־און בוי־אַרבעטן. אָבער אין דער מאָס, וואָס זיי האָבן זיך צונויפגעטראָפן, איז די השפעה פון דער צווייטער עליה געווען בולט. די אָנוועזנהייט פון אייניקע מיטגלידער פון „השומר״ אין גדוד העבודה, אויפן שאָסיי צמח־טבריה און טבריה־טבחה, האָט ניט ווייניק געווירקט אויף דער אַנטוויקלונג פון גדוד.

קעגנזייטיקע צוזאַמענטרעפן ביי דער אַרבעט פון דער דריטער עליה מיט דער צווייטער, האָט דערהויפּט געקאָנט זיין אין די לאַנדווירטשאַפטלעכע קבוצות. די דריטע עליה האָט אָנגעטראָפן עטלעכע אַרבעטער־ווירטשאַפטן, וועמענס מיטגלידער האָבן מיטן גאַנצן האַרץ געוואָלט העלפן די נייע עולים. אָבער דער מצב פון די ווירטשאַפטן האָט זיי דערמעגלעכט אויפצונעמען אַ גאָר קליינע צאָל נייע עולים. די דאָזיקע ווירטשאַפטן האָבן ניט געקאָנט לייזן דעם פּראָבלעם פון די טויזנטער חברים, וואָס זענען אַריינגעדרונגען אין לאַנד אַריין.

לויטן באַריכט פון דער „פּועלי־ציון״־דעלעגאַציע האָט מען אין יאָר 1920 געציילט אַרום 40 אַרבעטער־קבוצות, וואָס האָבן אַרומגענומען אַן ערך פון 650 מיטגלידער, וועלכע האָבן באַאַרבעט ביי אַ 35.000 דונאַם. אָבער פאַקטיש האָבן נאָר אייניקע פון זיי געהאַט אַ וועלכן ס׳איז ווירטשאַפטלעכן באַזיס. די איבעריקע האָבן געאַרבעט אויף צייטווייליקע אַרבעטס־פּלעצער, אָן אַ שום מעגלעכקייט צו איינוואָרצלען זיך אין זיי. אין 15 קבוצות

זענען געווען ווינציקער ווי 10 חברים אין יעדער פון זיי. אַ באַדייטנ־דיקער טייל פונ׳ם באַדן, וואָס זיי האָבן באַאַרבעט, האָט געהערט פּריוואַטע באַזיצער, און זיי האָבן יעדן מאָמענט געקאָנט אים צוריק פאָדערן, דעריבער האָבן די אַרבעטער אים ניט געקאָנט אויסבעסערן. פון קרן קימת באָדן איז געווען אין זייער רשות בלויז אַ 16 טויזנט דונאַם. דער לעבנס־סטאַנדאַרט אין די קבוצות איז געווען אַ נידעריקער. די ווירטשאַפט איז ניט געווען אין די הענט פון די אַרבעטער. זיי האָבן באַקומען לוינען, וואָס האָבן קוים געקלעקט צו דעקן די דרינגענדיקסטע באַדערפנישן. די דירות־פראַגע איז געווען אַ שווערע. ניט געווען קיין מאַשינעס צו דער אַרבעט, ניט געווען קיין אָבזאַץ־מאַרק פאַר די פּראָדוקטן, דאָ און דאָרט האָט אפילו געפעלט טרינק־וואַסער, וועלכעס מען פלעגט ברענגען פון ווייטנס אין פעסער, ווייל ס׳איז ניט געווען קיין אינסטאַלאַציע.

די אַרבעטער־קאָלאָניזציע, טראָץ איר גרויסער באַדייטונג און וויכטיקע דערגרייכונגען, האָט נישט געקאָנט דינען אין דער ערשטער צייט אַלס ערנסטער אויפנאַמס־פּונקט פאַר דער דריטער עליה און טרעף־אָרט פאַר דיביידע דורות. בלויז אין אַ צייט אַרום האָט זי אָנגעהויבן אויפנעמען גרעסערע גרופּן און יחידים פון דער דריטער עליה.

אינצווישן האָבן די אָביעקטיווע באַדינגונגען געצוווּנגען צו זוכן נייע פאָרמען פון אַרבעטער־אָרגאַניזירונג און זיי צופּאַסן צו דערווירקלעכקייט און צו דעם נייעם פאַרנעם. און ווירקלעך האָט זיך דער פאַרנעם פיל געענדערט. די צאָל יידישע אַרבעטער האָט מען געשאַצט ביים סוף פון דער מלחמה אויף 1500, און דער שטראָם פון דער דריטער עליה האָט געבראַכט אין לאַנד אַריין אין אַ קורצער צייט עטלעכע טויזנט אַרבעטער־חלוצים.

בעת דער אַלגעמיינער אַרבעטער־ציילונג, וועלכע איז דורכ־געפירט געוואָרן אין 1922 יאָר, האָט מען געציילט 16,608 אַרבעטער, בערך אַ העלפט פון זיי מיטגלידער פון דער הסתדרות. לויט זייער

אויפגעהאַלט אין לאַנד, האָבן זיי זיך פאַרטיילט פאָלגענדיק: גע־בוירענע אין א״י — 2,390, איינגעוואַנדערטע ביז צו דער וועלט־מלחמה — 3.000; געקומענע נאָך דער מלחמה — איבער 9000; נישט געענטפערט — 2335. אויב מען נעמט אין באַטראַכט, אַז די אָרטיקע געבוירענע זיינען אין זייער גרעסטן טייל געווען אַ צוריק־געשטאַנענער און נישט־אָרגאַניזירטער עלעמענט (אין ירושלים זיינען צווישן 4.597 רעגיסטרירטע געווען בלויז 1.146 מיטגלידער פון דער הסתדרות), און צווישן די איינגעוואַנדערטע ביז דער מלחמה איז אויך געווען פיל נישט־אָרגאַניזירטע אַרבעטער, וועט קלאָר ווערן ווי גרויס עס איז געווען דאָס געוויכט פון די מענטשן פון דער דריטער עליה פאַר דער אַרבעטער־באַוועגונג אין לאַנד.

צו א פאראייניקונג פון דער מחנה

שוין אין ניסן 1920 האָבן די חלוצים זיך אָנגעהויבן אָרגאַ־ניזירן, כדי צו שטאַרקן זייער דרוק אויף די פאַרטייען, צו פאַר־שנעלערן דעם איחוד. אין חודש סיון 1920 האָט דער צייטווייליקער קאָמיטעט פון „החלוץ״ אין א״י פאָרמולירט אַ קאָנקרעטן פאָרשלאָג מכוח דער פאַראייניקונג פון די ארץ־ישראלדיקע אַרבעטער:

— איינבאַרופן אַ קאָנפערענץ פון אַלע אַרבעטער אין לאַנד; די קאָנפערענץ דאַרף שאַפן אַן אומפאַרטייאישן פאַרבאַנד פון די פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציעס מיט אַ הויפּט־קאָמיטעט פון געזעץ־געבערישער קראַפט, וועלכער זאָל זיין דער איינציקער פאָרשטייער פון די אַרבעטער אין לאַנד; די קאָנפערענץ דאַרף אָרדנען אַלע אינסטיטוציעס; די פאַרטייען ווערט פאַרבאָטן זיך צו פאַרנעמען מיט ענינים, וואָס געהערן צו דער קאָמפּעטענץ פון די בשותפותדיקע אינסטיטוציעס.

ביי יעדער געלעגנהייט איז באַטאָנט געוואָרן די פראַגע פון איחוד. אָט, למשל, ביי דער דערעפנונג פון „בית החלוץ״ אין יפו האָט אַ חבר פון דער גראַדנער קבוצה, וועלכער איז ערשט געקומען אין לאַנד אַריין, געזאָגט:

„איך האָב נישט דערוואַרט צו זעען דאָס, וואָס מיר האָבן דערזען אין ערשטן מאָמענט, ווען מיר האָבן באַטראָטן די ארץ־ישראל־ערד. אַ טיפע באַליידיקונג האָבן מיר געפילט, אַראָפּגייענדיק פונם שיף, ווען ס'האָבן אונז אַרומגערינגלט פאָרשטייער פון די פאַרטייען און פאַרטרעטער פון „החלוץ" צווישן זיי. מיר זיינען געקומען קיין א"י צו אַ ניי לעבן, און דאָ זעען מיר פאַר זיך אַזאַ מין לעבן, פון וועלכן מיר האָבן געוואָלט אַנטלויפן". און איבער־געבענדיק די פּאַן דעם פאָרשטייער פון ציטטווייליקן־קאָמיטעט פון „החלוץ" האָט ער פאַרענדיקט: „די אויפגאַבע פון „החלוץ" איז צו קעמפן פאַר דער פאַראייניקטער טעטיקייט פון די אַרבעטער אין ארץ־ישראל".

י. ח. ברענער האָט אין אַ בריוו צום „קונטרס"* געגעבן אַן אויסדרוק דעם גלויבן פון אַלע די, וואָס האָבן מיטן גאַנצן האַרץ זייערן געשטרעבט צו אַן איחוד: „מיר האָפן, אַז ווען דער „החלוץ" וועט זיך פאַרשטאַרקן אין לאַנד, וועט ער אויך דערפילן די גרויסע אויפגאַבע פון שאַפן איין אָרגאַניזאַציע פון אַלע אַרבעטער אין ארץ־ישראל, וועלכע וועט אָרדנען די אַרבעט פון די לאַנדווירטשאַפלעכע קבוצות, וועט אָרגאַניזירן גדודים פאַר עפענטלעכע אַרבעטן (וואָס אָן זיי וועט קיין זאַך נישט געשאַפן ווערן), וועט קאָנטראָלירן די טעטיקייט פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען אין שטאָט".

די „החלוץ" מיטגלידער האָבן געשפּילט אַ ראָל ניט בלויז ביי די אונטערהאַנדלונגען צווישן די פאַרטייען, נאָר אויך אין די פילע שמועסן, וואָס זיי האָבן איינגעאָרדנעט אין אַ סך אַרבעטער־פונקטן, אין וועלכע מען האָט דיסקוסירט מכוח דעם איחוד. זייער אָרגאַ־ניזירן זיך האָט ניט געהאַט דעם צוועק צו שאַפן אַ נייע קאָנקורירנדיקע אָרגאַניזאַציע, ווייל זיי זענען געווען גרייט זי גלייך אויפצולייזן נאָך דער פאַראייניקונג. און אַזוי האָבן זיי געמאָלדן אין זייער ערשטן

---

* קונטרס — די צייטונג פון דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער פאַראייני־קונג „אחדות העבודה".

אויפרוף: „צוליב דעם האָבן מיר געשאַפן אַ צייטווייליקן קאָמיטעט — צייטווייליק אין פּולן זין פון וואָרט, ווייל ער דאַרף זיך ליקווידירן ווי נאָר ס׳וועט צושטאַנד קומען די דערוואַרטערטע פאַראייניקונג פון די אַרבעטער־אינסטיטוציעס״.

ביי די וואַלן צו דעם ערשטן צוזאַמענפאָר פון דער הסתדרות האָט די „החלוץ״־ליסטע באַקומען בלויז 842 שטימען, „אחדות העבודה״ האָט באַקומען 1864 און „הפועל הצעיר״ — 1324. דער „החלוץ״ איז, אַזוי אַרום, געווען אַ מינדערהייט אויף דעם צוזאַמענ־פאָר, נאָר אַזוי ווי קיין שום פאַרטיי האָט ניט געהאַט קיין מערהייט און די „החלוץ״־דעלעגירטע זענען געווען דער ציבגל פון וואָגשאָל, און אַזוי ווי זיי זענען געווען דער אַקטיוו פון דער נייער עליה און זיי האָבן אויסגעדריקט די שטרעבונגען אויך פון פיל אַנדערע, וואָס האָבן ניט געשטימט פאַר זיי, און ס׳איז געווען אַ חשש, אַז זיי וועלן סעפּאַראַט ווירקן, אויב ס׳וועט ניט פאָרקומען דער איחוד — זענען זיי געווען אַ וויכטיקער צוגאָב צום „יצר טוב״ פוןביידע פאַרטייען און זיי געשטויסן צום פאַראייניקונגס־אַקט. גרויס איז געווען זייער ראָל ביים דורכפירן די קאָנפערענץ־שיף צווישן די פעלזן פון פאָרמולירונגען און פאַרטיי־שטעלונגען, וועלכע האָבן ניט איינמאָל באַדראָט דעם ערפאָלגרייכן גאַנג פון דעם צוזאַמענפאָר.

אויף דעם צוזאַמענפאָר איז פּראָקלאַמירט געוואָרן וועגן דער אויפלייזונג פון דער „החלוץ״־אָרגאַניזאַציע אין ארץ־ישראל.

דער ציל: לאַנדווירטשאַפט — און פאַרלויפיק צו נייע צווייגן

די מענטשן פון דער דריטער עליה, אַזויווי די פאָרגייער זייערע, האָבן געשטרעבט צו ערד־אַרבעט, פאַרשטייענדיק אַז דער ציוניזם קאָן ניט פאַרווירקלעכט ווערן, ניט שאַפנדיק קיין ערד־אַרבעטער־קלאַס אין ארץ־ישראל. זיי האָבן געוווּסט, אַז ניט בלויז אַ פּאָליטישער מיטל איז דאָס, נאָר אויך אַ מאָראַלישער געבאָט, וועלכער איז ביכולת צו ענדערן דעם כאַראַקטער פון די יידן, אַלס שטאָט־איינוואוינער. דער „החלוץ״ האָט אויך געמאַכט אַ וויכטיקע

הכשרה־אַרבעט צו דער לאַנדווירטשאַפט, נאָר די מענטשן פון דער דריטער עליה האָבן אָנגעטראָפן אין א״י אַ ווירקלעכקייט, וואָס האָט זיי ניט געגעבן די מעגלעכקייט צו פאַרווירקלעכן זייער טרוים.

די יידישע מושבה איז כמעט געווען פאַרשלאָסן פאַר זיי פונקט ווי זי איז געווען געשלאָסן פאַר דער צווייטער עליה. פון פסיכאָלאָגישן שטאַנדפונקט איז דער „כיבוש העבודה״ — די דעראָבערונג פון דער אַרבעט אין דער מושבה, געווען שווערער פאַר זיי ווי פאַר די מענטשן פון דער צווייטער עליה. די צווייטע עליה איז געקומען אין לאַנד אַריין אין צייטן פון אַ ירידה אין ציוניזם און זיי האָבן זיך באַנוגנט אין דער ערשטער צייט מיט דער שטרעבונג צו דעראָבערן די עקזיסטירנדיקע יידישע פּאָזיציעס, וועלכע זענען אַריינגעפאַלן אין פרעמדע הענט — די אַרבעטס־פּאָזיציעס אין דער יידישער מושבה. אַנדערע פּאָזיציעס זענען כמעט ניט געווען בנמצא. די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע האָט נאָך דעמאָלט ניט אָנגעהויבן איר פּראַקטישע אַרבעט אין לאַנד, און די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג איז נאָך דעמאָלט ניט דערגאַנגען צום געדאַנק פון זעלבשטענדיקער קאָלאָניזאַציע. אַנדערש איז געווען מיט דער דריטער עליה. זי איז געבוירן געוואָרן אין אַ שטורמישער עפּאָכע, ווען דער גורל פון פעלקער איז אַנטשידן געוואָרן. די באַלפור־דעקלאַראַציע האָט אָנגעזאָגט די ווידעראויפלעבונג פון יידישן פאָלק אין זיין אַלטער היים. די מיטגלידער פון „החלוץ״ האָבן גוט פאַרשטאַנען, אַז דאָס לאַנד וועט ניט געגעבן ווערן די יידן נאָר עס וועט דערוואָרבן ווערן פון זייערע זין דורך בוי און אַרבעט און פאַרטיידיקונג. און זיי האָבן זיך צוגעגרייט דערצו.

די אידעע וועגן נאַציאָנאַליזירן דעם באָדן אין ארץ־ישראל האָט זיי באַצויבערט. י. טרומפּעלדאָר האָט גערעדט אין זיין בראָשור „דער החלוץ, זיין וועזן און זיינע נאָענטסטע אויפגאַבן״ ניט נאָר וועגן נאַציאָנאַליזירן דעם באָדן, וועלכער וועט פון יעצט אָן געקויפט ווערן, נאָר אויך דעם באָדן. וועלכער איז שוין פון לאַנג אין פּריי־

וואָטן באַזיץ. אין „די צען געבאָט פון „משמר הוולגה" — דער וויכטיקסטער קערן פון „החלוץ" אין רוסלאנד — איז געווען אַ באַזונדער פונקט, וועלכער האָט געזאָגט: „אָנערקענענדיק אַז אין אַ נאָרמאַלן ישוב איז ניטאָ קיין אָרט פאַר „באַטראַקעס", (ד. ה. פאַר לאַנדווירטשאַפטלעכע פּראָלעטאַריער), געפינט איין דער „החלוץ", דאָס דער פאַרבאַדינג פון שאַפן אַ נאָרמאַלן און פעסטן ישוב איז די נאַציאָנאַליזירונג פון באָדן און זיין פאַרטיילונג לויט אַרבעטענדיקע פּרינציפּן". אַזאַ באַשלוס איז אויך אָנגענומען געוואָרן אויף דער ערשטער קאָנפערענץ פון רוסישן „החלוץ". אין דעם „החלוץ" פּלאַן פון א"י־אויפבוי האָט די קאָלאָניע, וועלכע באַשעפטיקט פרעמדע אַרבעטער, ניט געקאָנט פאַרנעמען אַ געהעריקן אָרט. און נעגירענדיק די קאָלאָניע, האָט מען ניט צוגעגרייט די חברים צום געדאַנק פון כיבוש עבודה אין איר. די חלוצישע אָנשטרענגונג איז, אַזוי אַרום, ניט געריכטעט געוואָרן, אָנפאַנגס, אין די קאָלאָניעס. די אידעע מכוח נאַציאָנאַליזירן דעם באָדן איז געווען אַ אידעאישער יסוד ניט בלויז פון די חלוצים, נאָר אויך פון גרויסע טיילן אין דער ציוניסטישער באַוועגונג. אָבער דער „החלוץ" האָט זיך ניט באַנוגנט דערמיט און געפאָדערט אויך צו קאָלעקטיווער קאָלאָניזאַציע און זעלבסט־אַרבעט, וואָס דאַרף זיין דער הויפּט־וועג, אויב ניט דער איינציקער, פון דער יידישער קאָלאָניזאַציע־טעטיקייט אין ארץ־ישראל. חוץ די באַגרינדונגען דערצו, וואָס זענען שוין לאַנג באַקאַנט געווען אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און אין דער אַרבעטער־באַוועגונג, זענען צוגעקומען נייע מאָמענטן, אין וועלכע ס'האָט זיך אָפּגעשפּיגלט דער „צייט־גייסט". דער רעפערענט איבער דער קאָלאָניזאַציע־פראַגע אויף דער אָדעסער „החלוץ"־קאָנפערענץ האָט געזאָגט: „די מענטשהייט האָט זיך גערירט פון טויטן פונקט, און די אַרבעטער שטרעבן צו דער העגעמאָניע אין דער וועלט־ווירטשאַפט. די קאָלאָניזאַציע אין ארץ־ישראל מוז זיין אַן אַרבעטער־קאָלאָניזאַציע, און די אַרבעטער דאַרפן פאַרבינדן זייערע אינטערעסן צו אַט דער קאָלאָניזאַציע, כדי צו פאַרזיכערן זייער עקזיסטענץ און

פֿאַרבעסערן זייער לאַגע״. די אַרבעטער־עולים דאַרפֿן בויען אַ נייעם טיפּ פֿון דער מענטשלעכער געזעלשאַפֿט און נייע באַדינגונגען פֿאַר דעם סאָציאַל־עקאָנאָמישן לעבן. „אַ ניי לאַנד דאַרף געבויט ווערן אויף נייע יסודות״.

אָבער די קאָלאָניזאַציע אַליין — איז דערווייל געווען אַ ווייטער ציל. אין די מלחמה־יאָרן און אויך אין דער צייט פֿון דער מיליטע־רישער אָקופּאַציע איז ניט מעגלעך געווען צו דערוועררבן באָדן. די חלוצים זענען ניט געווען צוגעגרייט צו זעלבשטענדיקער אַרבעט אין דער לאַנדווירטשאַפֿט. ניט האָבנדיק די מעגלעכקייט פֿאַרווירק־לעכן זייער טרוים, זענען זיי אַרויסגעגאַנגען, אינצווישן, צו אַרבעט אויף די שאָסייען און ביי אַנדערע עפֿנטלעכע אַרבעטן. זייערע געצעלטן זענען געווען צעשפּרייט לענג־אויס פֿון צענדליקער קילאָ־מעטער: פֿון חיפֿה ביז דזשעדא, פֿון עפֿולה ביז נצרת, פֿון צמח ביז טבריה און פֿון טבריה ביז טבחה. און ווען די שאָסיי־אַרבעטן האָבן געהאַלטן ביים פֿאַרענדיקט ווערן — זענען הונדערטער פֿון חברים אַריבער צו בוי־אַרבעט און געבויט הייזער, דערפֿער און שטעט.

אָבער אויך אין יענער צייט האָבן זיי ניט אויפֿגעהערט שטרעבן אין דאָרף. אויף דער ערשטער באַראַטונג פֿון די אַרבעטער ביי די עפֿנטלעכע אַרבעטן, אין אדר א׳ 1921, און שפּעטער אויף דער צווייטער באַראַטונג, האָבן זיי דערקלערט: „די אָרגאַניזאַציע פֿון די אַרבעטער ביי די עפֿנטלעכע אַרבעטן באַטראַכט זיך אַלס טייל אין דער אָרגאַניזאַציע פֿון די לאַנדווירטשאַפֿטלעכע אַרבעטער״. ערשט אויף דער דריטער באַראַטונג — אין ניסן 1923 — האָט זי זיך דערקלערט אַלס טייל פֿון דער אַלגעמיינער הסתדרות.

אויך נאָכן איבערגיין אין די שטעט און ספּעציאַליזירנדיק זיך אין די פֿאַרשידענע בוי־צווייגן, האָבן די חלוצים־אַרבעטער ניט אויפֿגעגעבן זייער שטרעבונג — די לאַנדווירטשאַפֿט. פֿון צווישן 1765 מיטגלידער פֿון די בוי־קבוצות, וועלכע זענען רעגיסטרירט געוואָרן אין יאָר 1923, האָבן טויזנט אָנגעגעבן די לאַנדווירטשאַפֿט

אַלס זייער ציל, די איבעריקע האָבן געשטרעבט צו דאָרפס־קוואַרטאַלן נעבן די שטעט מיט לאַנדווירטשאַפטלעכער הילפס־ווירטשאַפט.

ביי די שאסיי־ארבעטן

אין באַריכט פון דעם „משרד לעבודות ציבוריות״ *) צו דעם צווייטן הסתדרות־צוזאַמענפאַר, ווערט דערציילט: „די עפנטלעכע אַרבעטן האָבן אין יאָר 1920 אָנגענומען אַזאַ פאַרנעם, אַז אַלע פריערדיקע פרוון אויפן געביט פון עפנטלעכע אַרבעטן אין לאַנד זענען גאָרניט אַנטקעגן אים. די עליה־באַדערפענישן און אירע מעגלעכקייטן האָבן געצווונגען ביידע צענטערן פון דער הסתדרות, וועלכע זענען געווען געטיילט אין יענע טעג אין „אחדות העבודה״ און „הפועל הצעיר״, נאָכזוכן יעדע מעגלעכקייט פון גרויסע אַרבעטן, און זיי האָבן געוואַגט אופצונעמען גרויסע אונטערנעמונגען אויף כלערליי געביטן. די געוואַגטקייט און דער פאַרנעם האָבן אָפגעהאַלטן זייער נצחון. אַ טייל פון דער רעגירונגס־אַרבעט, וועלכע איז אויס־געפירט געוואָרן אין יענעם יאָר דורך די אָפטיילונגען פון דער ציווילער און מיליטער מאַכט און וועלכע האָט געהאַלטן אין צע־ברעקלט ווערן, אָן שום נוצן, צווישן אַראַבישע, עגיפּטישע און יידישע אונטערנעמער — איז אונז איבערגעגעבן געוואָרן אַלס אונטערנעמער אויף אונזער אחריות, און איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ חלוצישער טאַט״.

דער ערשטער שאָסיי — טבריה־צמח — איז אָנגענומען געוואָרן דורך דער אָרגאַניזאַציע פון לאַנדווירטשאַפטלעכע אַרבע־טער „אחדות העבודה״ דירעקט פון דער רעגירונג. דער שאָסיי חיפה־דזשעדא איז אָנגענומען געוואָרן דורכ׳ן אַרבעטס־אַמט פון „הפועל הצעיר״. גלייך נאָכדעם זענען אָנגענומען געוואָרן די שאָסייען־אַרבעטן פון עפולה־נצרת און טבריה־טבחה: די ערשטע

---

* משרד לעבודות ציבוריות ובנין — אמט פאר עפנטלעכע און בוי־אַרבעטן — דער פאָרגענגער פון „סולל־בונה״.

דורך „הפועל הצעיר" און די צווייטע — דורך „אחדות העבודה". אין יענער צייט זענען אויך אָנגענומען געוואָרן קלענערע אַרבעטן ביי שאָסייען און וועג־אויסבעסערונגען ווי אויך ביי דער אייזנבאַן.

די אַלע עפּענטלעכע אַרבעטן האָבן זיך געצויגן אַנדערט־האַלבן יאָר און זענען געווען אַן אויסגעצייכנטע שול פאַר די טויזנטער חלוצים, וועלכע האָבן אין גלות כמעט ניט פאַרזוכט דעם טעם פון אַרבעט. זיי האָבן זיך אויסגעלערנט האַלטן אַ האַק און אַ האַמער, און הונדערטער פון זיי האָבן זיך ספּעציאַליזירט אין די פאַרשידענע מינים פון שאָסיי־אַרבעטן און אין דער אָרגאַניזירונג פון דער אַרבעט.

נייע וועגן

די קאָנצענטראַציע פון אַ גרויסן אַרבעטער־צבור, וואָס אַזוינס האָט מען ביז איצט ניט געזען אין לאַנד, האָט פאַרברייטערט זיינע האָריזאָנטן, פאַרשטאַרקט די סאָלידאַריטעט און באַפרוכפּערט דעם געדאַנק. די גרויסע אַרבעטן וואָס זענען אָנגענומען געוואָרן אויף קבלנות דורך די אַרבעטער, האָבן פאַרפליכטעט צו אַ קאָלעקטיווער אָרגאַניזירונג פון דער אַרבעט: באַשטימטע אַרבעטן זענען איבער־געגעבן געוואָרן צו אָרגאַניזירטע קאָלעקטיוון צום אויספיר. דער איינצעלנער אַרבעטער, וועלכער איז ניט געווען פאַרבונדן צו אַ קאָלעקטיוו, איז כמעט ניט אומשטאַנד געווען זיך איינצואָרדנען ביי אַרבעט. הונדערטער אַרבעטער, וועלכע האָבן געאַרבעט ביי די שאָסייען, האָבן זיך צונויפגעשלאָסן אין גרעסערע און קלענערע קאָלעקטיוון, פון וועלכע יעדער האָט באַשטימט זיינע אינערלעכע לעבנס־יסודות.

אין די הערצער פון די חברים האָט געקלאַפּט די שטרעבונג צו אַ קאָלעקטיוון לעבן. די דאָזיקע שטרעבונג איז ניט געווען אייגנ־אַרטיק בלויז פאַר דער דריטער עליה, ווייל אויך די צווייטע עליה און טיילן פון דער ערשטער עליה זענען געווען דורכגעדרונגען מיט דער זעלבער אידעע. אָבער די דריטע עליה האָט געהאַט לייכטערע

אָביעקטיווע באַדינגונגען צו פאַרווירקלעכן די דאָזיקע שטרעבונג: געמיינזאַמע אַרבעט, קאָנצענטרירט אויף איין אָרט; אומקוואַליפיצירקייט און דאָס „גרין״ זיין אין דער אַרבעט און אויך דאָס, וואָס דער גרעסטער טייל פון זיי איז געווען ניט־פאַרהייראַט. די אַרבעט איז געווען אין פעלד, ווייט פון אַ שטאָט, ניט געווען קיין רעסטאָראַנען, קראָמען און קולטור־אַנשטאַלטן, און נאָר דער קאָלעקטיוו און זיין בשותפותדיקע אָרגאַניזאַציע האָט געקאָנט באַפרידיקן די נויטיקסטע באַדערפענישן פון די מענטשן. די מדרגות פונם קאָלעקטיוויזם זענען געווען פאַרשידענע. געווען אַזעלכע וואָס האָבן זיך באַנוגנט מיט דער געמיינזאַמער אַרבעט און גלייכן אַרבעטס־לוין, וועלכער איז פאַרטיילט געוואָרן לויט דער צאָל אַרבעטס־טעג. און עס זענען געווען אַזעלכע, וועלכע האָבן פאַרווירקלעכט אַ מער קאָלעקטיוון לעבנס־שטייגער, און אויך דאָ זענען געווען עטלעכע מדרגות. געווען אַזעלכע, וואָס האָבן זיך באַנוגנט מיט אַ קאָלעקטיוון לעבן בלויז אין דער קבוצה, אין וועלכער זיי האָבן געאַרבעט, און געווען אַנדערע וואָס האָבן פאַרברייטערט די ראַם און פאַרווירקלעכט דעם קאָמונע־לעבן אין אַ גרעסערן מאַסשטאַב, וואָס האָט אַרומגענומען עטלעכע קבוצות.

אַ חוץ די אָביעקטיווע באַדינגונגען, וואָס האָבן פאַרפליכטעט דעם קאָלעקטיוו און חוץ דער שטרעבונג פון די חברים צו געמיינזאַמער אַרבעט און לעבן, האָט ניט ווינציק משפיע געווען די דערפאַרונג פון דער ק ב ו צ ה — די וווּנדער־פּרוכט פון דער צווייטער עליה. אָבער דער גרויסער היקף פון דער דריטער עליה און די גרויסע אַרבעטן האָבן געפאָדערט אַ געזעלשאַפטלעכע ראַם פון אַ גרעסערן מאַסשטאַב; ניט קיין אָפּגעשלאָסענע קבוצה, וואָס באַשטייט פון מענטשן וועלכע ס'בינדן פריינטשאַפטלעכע פאַרבינדונגען און פאַמיליערע באַציאונגען, נאָר אַ קערפּערשאַפט, וועלכע אָרגאַניזירט מאַסן אויף גרונט פון אַ קאָלעקטיוויסטישער וועלט־אַנשויונג און כדי אויסצופירן אַקטועלע אויפגאַבן.

צווישן דער אַרבעטערשאַפט, וואָס האָט געאַרבעט ביי די

שאָסייען, האָבן זיך באַזונדערס אויסגעטיילט דריי קערפּערשאַפטן, סיי לויט דער צאָל מיטגלידער, וואָס זיי האָבן אַרומגענומען, און סיי לויט דער ראָל, וואָס זיי האָבן דערפילט. די קערפּערשאַפטן זענען געווען: דער אַרבעטס־לעגיאָן (גדוד העבודה) אויפן נאָמען פון י. טרומפּעלדאָר, דער „השומר הצעיר" און די „חבורת העמק".

דער „גדוד העבודה"

דער גרעסטער לויט זיין היקף איז געווען דער גדוד העבודה אויפן נאָמען פון יוסף טרומפּעלדאָר, וועלכער איז אויך אַנשטאַנען דער ערשטער. ער איז געגרינדעט געוואָרן אין י"א אלול תר"פ — אַ האַלב יאָר נאָכן טויט פון יוסף טרומפּעלדאָר, דורך זיינע תלמידים און חברים — מיטגלידער פון רוסישן „החלוץ", וועלכע האָבן געאַרבעט ביים טבריה־צמח שאָסיי און האָבן געוואָלט אויפשטעלן אַן אָנדענק פאַר זייער אומפאַרגעס־לעכן לערער און חבר.

אין דער ערשטער צייט האָבן זיך די חברים פון גדוד ניט אונטערשיידעט פון די איבעריקע אַרבעטער. מען האָט געפירט אַן אינדיווידועלן חשבון (אמת, נאָר אין די ביכער, די חברים האָבן ניט באַקומען קיין מזומן געלט). פאַר די מיטגלידער פון גדוד איז אַליין ניט געווען קלאָר זייער באַזונדערער וועג. אָט דער וועג האָט זיך אָנגעצייכנט פּאַמעלעך, אין דעם אַרבעטס־לעבן, שעפּנדיק פון דערווירקלעכקייט, אין וועלכער זיי האָבן געלעבט, און פון דער שטרעבונג אַוועקצוגעבן דעם גוף און די נשמה פאַרן ווערק און צו שאַפן עפעקטיווע אינסטרומענטן, סיי פאַרן שוץ און דערציִונג פון יחיד, און סיי פאַרן אויפבוי פון לאַנד. אין יענער צייט איז גרויס געווען די וואַנדערונג פון די מענטשן ביי דער אַרבעט. איינער קומט און אַ צווייטער גייט, ניט זייענדיק פערזענלעך פאַראַנטוואָרטלעך פאַר די רעזולטאַטן פון דער אַרבעט. דער גדוד האָט געפאָדערט פון זיינע מענטשן סטאַביליטעט און פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דער אַרבעט. ס'איז ניט געווען קיין צווייפל מכוח גלייכן אַרבעטס־לוין

צווישן די חברים. די דאָזיקע גלייכקייט האָט עקזיסטירט אין אַלע אַרבעטער־קבוצות ביי די שאָסיי־אַרבעטן. אָבער דער גדוד איז נאָך ווייטער געגאַנגען און געפאָדערט גלייכקייט ניט בלויז אין יעדער קבוצה אַליין, נאָר אויך צווישן איין קבוצה און דער צווייטער. די באַזונדערע חשבונות פון יעדער קבוצה האָבן פיל געשטערט, לויט דער מיינונג פון די גדוד־מיטגלידער, אין דער ראַציאָנאַליזירונג פון דער אַרבעט און אין דעם גאַנצן אונטערנעמונגס־ווערק פון די אַרבעטער, ווייל יעדע קבוצה האָט געקאָנט קעמפן פאַר אַרבעט וואָס גאַראַנטירט איר אַ גרעסערע הכנסה און זיך אַרויסדריייען פון אַזאַ מין אַרבעט, פון וועלכער ס׳איז צו דערוואַרטן אַקליינע הכנסה. נאָכמער. דער געיעג נאָך אַ גרעסערער הכנסה האָט געקאָנט דערפירן צום אַרויסשטויסן פון שוואַכן און אים פאַרדרענגען פון קאָלעקטיוו. דאָס שאַפן פון אַ געמיינזאַמער קאַסע פון אַלע אַרבעטער, וואָס מאַכט ניט קיין אונטערשיד פון איין אַרבעטער צום צווייטן און פון איין אַרבעטס־פּלאַץ צו אַן אַנדערן, וועט, אַזויאַרום, זיכערן דעם גאַנצן אונטערנעמונגס־ווערק און אויך דעם שוואַכן יחיד. דער גדוד העבודה האָט, פון ערשטן טאָג אָן, געשטרעבט צו באַקומען גרויסע אַרבעטן, כדי ער זאָל קאָנען מאַכן די אַרבעטס־פאַרטיילונג אויפן יסוד פון אַ געמיינזאַמער קאַסע פאַר אַלע אַרבעטער. און ווירקלעך איז אים געלונגען, עטלעכע חדשים נאָך זיין אַנטשטייונג, צו באַקומען דעם שאָסיי־בוי טבריה—טבחה. אין דער ערשטער צייט איז די געמיינזאַמע קאַסע געווען בלויז אַ מיטל אויף אויסצוגלייכן די לעבנס־באַדינגונגען און פאַר אַ מער ראַציאָנעלע אַרבעטס־פאַרטיילונג.

ווען דער גדוד איז אַריבער צום נייעם שאָסיי, האָט ער אָנגעהויבן באַפרידיקן זיינע באַדערפענישן מיט אייגענע כוחות. חוץ דער קיך האָט מען אויפגעשטעלט אַ וועשעריי, אַ שניידער־און שוסטער־וואַרשטאַטן. מען האָט אויך איינגעאָרדנט אַ פישער־גרופּע אויפן כנרת און אַ גאָרטן, וועלכער האָט געליפערט גרינס פאַר דער קיך און פאַר׳ן מאַרק.

דאָס אַלץ האָט געפאָדערט ספּעציאַליזירונג, וואָס איז געווען פאַרבונדן מיט אינוועסטיציעס. און אַ געזעלשאַפט פון אַרבעטנדיקע מענטשן, וואָס זייערע הכנסות זענען באַשרענקטע, קאָן זיך ניט דערלויבן אינוועסטיציעס אויף לערנען פאַכן, אָן אַ גאַראַנטיע צו האָבן דערפון נוצן אין לויף פון דער צייט. די חברים זענען געקומען צו דער מסקנה, אַז דאָס לעבן אין גדוד איז ניט קיין צייטווייליקס נאָר אַ שטענדיקע לעבנס־פאָרם, צו וועלכער דער חבר פאַרבינדט זיך אויפן גאַנצן לעבן. איר פונדאַמענט — די אַלגעמיינע קאַסע, וועלכע קאָנצענטרירט די הכנסות פון אַלע חברים, און איז ניט בלויז אַ מיטל פון קעגנזייטיקער הילף און צו פאַרגלייכן דעם אַרבעטס־לוין, נאָר זי ווערט דער גרונטשטיין פון דעם לעבן פון גדוד. די קאָנצענטריר־טע הכנסות אין איין קאַסע דערמעגלעכן די איניציאַטיוו פאַר גרויסע שאַפונגען, צום כסדרדיקן וואוקס און פאַרברייטערן זיך פון גדוד. די שטרעבונג צו כסדרדיקן וואוקס און פאַרברייטערן זיך — איז געוואָרן אַ וויכטיקער פּרינציפּ פונם גדוד.

עס זענען געווען חברים, וואָס זענען געווען קעגן אַן אַלגע־מיינער קאַסע פון אַלע קבוצות, ווייל זי וועט דערפירן צו אַן אָפּשוואַ־כונג פון די אַרבעטס־אָנשטרענגונגען און צום פאַרקלענערן פון דער פּראָדוקציע ביז צו אַ מינימום און זי וועט באַשרענקען דעם פּרט אין באַפרידיקן זיינע באַדערפענישן. און ווירקלעך, זענען געווען חברים, וואָס האָבן צוליב דעם פאַרלאָזט דעם גדוד. אָבער די חברים פון גדוד האָבן זיך ניט באַנוגנט מיט דער געמיינזאַמער קאַסע און מיט דער צאָל אָרגאַניזירטע חברים (קרוב 300 מיטגלידער) — נאָר זיי האָבן געשטרעבט צו פאַרברייטערונג, צו געווינען נייע אָנהענגער און שאַפן אינסטרומענטן אויף אויפצונעמען מענטשן, וועלכע שטרעבן אַזוי ווי זיי צו אַ פולשטענדיקער קאָמונע אין לעבן און אַרבעט. אין סוף אדר א׳ 1921 איז אויסגעקליבן געוואָרן אַ דעלעגאַציע פון 15 חברים פון די קבוצות אין גדוד, וועלכע איז באַשטימט געוואָרן צו זיין דער קערן פאַר אַ נייעם גדוד, וועלכער איז געשאַפן געוואָרן אין ראש־העין אויסצופירן די אַרבעט פון לייגן אַ באַן־ליניע קיין

פתח־תקוה. אין משך פון אַ קורצער צייט איז אויך דער דאָזיקער גדוד דערגאַנגען ביז 300 מיטגלידער. אין חודש סיון 1921 איז אין מגדל אָפּגעהאַלטן געוואָרן די גרינדונגס־קאָנפערענץ, אין וועלכער ס׳האָבן זיך באַטייליקט פאָרשטייער פוןביידע גדודים און דעלע־גירטע פון דער פאַסטוכער־גרופּע אין שרונה. אין דער דאָזיקער קאָנפערענץ איז געשאַפן געוואָרן די ראָם פון גדוד און פאָרמולירט געוואָרן זיין ציל: „דער אויפבוי פון לאַנד דורכ׳ן שאַפן פון אַ אַלגעמיינער קאָמונע פון די יידישע אַרבעטער אין ארץ־ישראל״.

און אַט זענען אייניקע הויפּט־פּונקטן:

א. אָרגאַניזירן די חברים אין דיסציפּלינירטע קבוצות, וועלכע שטייען צו דער דיספּאָזיציע פון דער הסתדרות, אויף אַלע געביטן פון פאַרטיידיקונג און אַרבעט.

ב. די אַלגעמיינע קאַסע, וועלכע באַפרידיקט אַלע באַדערפע־נישן פון די חברים.

ג. אייגענע פּראָדוקציע פאַר די באַדערפענישן פון די חברים.

ד. פאַרברייטערן די ווירטשאַפט און פאַרבעסערן די אַרבעטס־באַדינגונגען מיט דער הילף פון די איבערגעבליבענע רווחים.

ה. פאַרפעסטיקן די הסתדרות און משפּיע זיין אויף איר וועג, אין גייסט פון גדוד.

דער איבערוויגענדיקער חלוצישער עלעמענט אין דער דריטער עליה, דער כמעט נישטיקער שטראָם פון פּריוואַטן קאַפּיטאַל אין יענע צייטן, און דער חלום פון דער ציוניסטישער באַוועגונג (אין יענע טעג איז געגרינדעט געוואָרן דער קרן היסוד), אַז דאָס פאָלק וועט זיך ברייט אָפּרופן און אַז פיל מיליאָנען וועלן שטראָמען פאַרן אויפבוי פון לאַנד — דאָס אַלץ האָט געשטאַרקט דעם גלויבן, אַז ארץ־ישראל וועט, בעיקר, געבויט ווערן אויף קאָלעקטיוויסטישע יסודות, און אַז דער יידישער אַרבעטער וועט זיין דער הויפּט־טרעגער פון אויפבוי, און דעריבער דאַרף מען גלייך צוגרייטן די אינסטרומענטן פאַר דעם קאָלעקטיוויסטישן אויפבוי. דערווייל וועלן זיך צוזאַמען־נעמען בלויז אַ טייל פון די אַרבעטער —

די מער חלוצישע, פון וועלכע ס'וועלן באַשטיין די קבוצות פון גדוד, און מיט דער צייט וועלן זיך צו זיי אָנשליסן מערערע און חוץ דעם וועלן זיי באַאיינפליסן די הסתדרות אין דעם גייסט פון גדוד. אזוי אַרום וועט דער גדוד העבודה ווערן אין דער צוקונפט אַן אַלגעמיינע קאָמונע פון דער אַרבעטערשאַפט אין ארץ־ישראל און עס וועט זיין אַ אידענטישקייט צווישן דער הסתדרות און דעם גדוד העבודה.

מיטן פאַרקלענערן זיך פון דער אַרבעט ביים שאָסיי טבריה—טבחה און מיטן פאַרענדיקן פון דער באַן־ליניע ראש־העין—פתח־תקוה, האָבן זיך די קבוצות פון גדוד צעשפרייט איבערן לאַנד. עס זענען ארויסגעשיקט געוואָרן צוויי אָפּצווייגן — איינע צו דער דעראָבערונג פון עמק און איינע קיין ירושלים, אווו דער אַרבעטער־חלוץ האָט זיך נאָך ניט געהאַט איינגעבירגערט און וועלכע האָט זיך געענדיקט, נאָכן פּאָגראָם פון 2־טן נאָוועמבער 1921, אין שוץ־און בוי־כוחות, כדי צו ענדערן די סטרוקטור פון דער שטאָט. די איבעריקע חברים האָבן זיך צעשפרייט אין עטלעכע קבוצות ביי פאַרשידענע אַרבעטן, פון דן ביז באר־שבע, און האָבן מיט זיך געטראָגן די תורה פון אַ לאַנד־אָרגאַניזאַציע, געבויט אויף קאָלעקטיוויסטישע יסודות, וועלכע פאַראייניקט די אַרבעטער פון דאָרף און שטאָט, אין דער אייגענער ווירטשאַפט, ביי שטאָטישע אַרבעטן און אין די דעראָבערונגס־גרופּן.

אַ וויכטיקן אָרט האָט פאַרנומען אין גדוד די פראַגע פון הגנה (פאַרטיידיקונג). דער יידישער לעגיאָן איז אויפגעלייזט געוואָרן. די ענגלישע מאַכט האָט מפקיר געווען די יידישע איינוואוינער בעת די געשעענישן אין ירושלים. ס'האָט זיך געענדיקט אַ יידישע פאַרטיידיקונגס־קראַפט. נאָך אין רוסלאַנד האָט מען פיל גערעדט וועגן אַ מיליטערישן „החלוץ". טרומפּעלדאָר האָט עפּנטלעך געפּרעדיקט וועגן דעם. איצט האָט זיך דאָס געלאָזט פאַרווירקלעכן. די באַשרענקטע מיטלען פון יידישן פאָלק דערלויבן ניט אויסצוהאַלטן אַ רעגולערן מיליטער־כוח, דעריבער זאָל מען פאַראייניקן די פאַרטיידיקונג מיט דער אַרבעט. אליהו גאָלאָמב, וועלכער איז

געוועזן פון די הויפּט־רעדנער אויף דער גרינדונגס־קאָנפערענץ פון גדוד, האָט באַגרינדעט די אידעע פון דער הגנה אין גדוד מיט פאָל־גענדיקע ווערטער:

„דער וועג פון אונזער אַרבעטס־אָרגאַניזירונג דאַרף זיך ענדערן לויט דער פּאָליטישער סיטואַציע. דאָס איינאָרדנען פון קליינע קבוצות, וועלכע זאָרגן יעדע בלויז פאַר זיך, שטערט דער אָרגאַניזירונג פון דער הגנה, וועלכע פאָדערט די איבערגעבנקייט פון חבר פאַר אַלגעמיינע ענינים פונם ציבור אין דער דאָזיקער שטורמישער צייט. מיר דאַרפן ניט איינאָרדנען קליינע ישובים, אין וועלכע ס׳הערשן אינטימע באַציונגען צווישן די חברים. דעריבער איז גרויס די ראָל פון גדוד, צו וועלכן די מיטגלידער זענען פאַרבונדן מיט דיסציפּלין, און אַוואו די באַוועגונג־מעגלעכקייט פון די חברים איז אַ לייכטע און אויך די אַלגעמיינע קאָסע באַפרייט דעם יחיד פון דער זאָרג פאַר זיינע פּריוואַטע ענינים. דער גדוד פון הגנה און ארבעט איז איינע פון די נייעסטע פאָרמען, וועלכע פאַסן אַמבעסטן פאַר אונזער קאָלאָניזאַטאָרישער טעטיקייט אין דער איצטיקער פּאָליטישער סיטואַציע״.

דער גדוד איז ניט געוועזן דער ערשטער אויף דעם דאָזיקן געביט. פאַר אים זענען געוועזן די מענטשן פון „השומר״, וועלכע האָבן אין די יאָרן 1909—1910 געשאַפן אַ מין קבוץ ארצי (לאַנד־פאַרבאַנד) „לגיון העבודה״, אָדער „עבודה״ מיט סניפים אין סעד־זשעראַ און חדרה, און אויך זיי האָבן געפּרעדיקט די פאַרייניקונג. פון דער שמירה און אַרבעט. אָבער איצט איז דאָס געמאַכט געוואָרן אין אַ גרויסן מאַסשטאַב.

„השומר הצעיר״

גרונטזעצלעך פאַרשידן, לויט זייער היקף און טענדענץ, זענען געוועזן די קיבוצים פון „השומר הצעיר״ אין יענער צייט.

די ערשטע קערנער פון דער דאָזיקער באַוועגונג האָבן אָנגעהויבן שפּראָצן אין גאַליציע האַרט פאַרן אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. דאָ און דאָרט זענען אַנטשטאַנען יידישע

סקויטן־אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבן זיך מיט גאָרנישט אונטערשיידעט פון אַנדערע סקויטן־אָרגאַניזאַציעס, אָבער שוין דעמאָלט האָט זיי געצויבערט דער נאָמען פון „השומר" און זיין טעטיקייט אין לאַנד און זיי האָבן זיך אויך גערופן „השומר". אין יענער צייט האָבן אין גאַליציע אויך עקזיסטירט פאַרבאַנדן פון לער־יוגנט „צעירי ציון", וועלכע האָבן זיך פאַרנומען בעיקר מיט באַהאַנדלען יידישע פּראָבלעמען. איז אויסגעבראָכן די מלחמה און פאַרטראָגן מאַסן גאַליצישע יידן קיין ווין, — און דאָ, אין דער פרעמד, זענען פאָרגעקומען אָפטע צוזאַמענטרעפן צווישן די מיטגלידער פון ביידע באַוועגונגען, וועלכע האָבן דערפירט צו אַ פאַראייניקונג.

דאָס אַנטרייסן פון דער היים, דאָס לעבן אין דער פרעמד, דאָס צעשטערן פון פאַטריאַרכאַלישן משפחה־לעבן, וואָס איז געקומען אַלס קאָנסעקווענץ פון דער מלחמה, און דער גרויסער מאַנגל אין אַלץ — האָבן אויפגעהויבן די באַדייטונג פון די יוגנט־קרייזן, וועלכע זענען געווען, אין אַ באַשטימטער מאָס, אַן ערזאַץ פאַרן פאַמיליע־לעבן. דעריבער האָבן זיך לייכטער פאַרוואָרצלט די אידעען פון דער יוגנט־באַוועגונג.

מיטן פאַרענדיקן פון דער מלחמה, ווען זיי האָבן זיך צוריק־געקערט אין זייערע היימען, האָט זיי אויפגענומען דער באַפרייענ־דיקער פרילינג פון די פּאָלאַקן, וועלכע האָבן אים געפייערט מיט גרויס פּאַראַד און... פּאָגראָמען אויף יידן, וואָס זענען דערגאַנגען צום העכסטן פונקט מיט דעם בלוט־באָד אין לעמבערג.

אין יאָר 1919 איז פאָרגעקומען די גרינדונגס־קאָנפערענץ פון דער באַוועגונג און ס'איז געשאַפן געוואָרן דער קאָנטאַקט צווישן איר און דער באַוועגונג אין קאָנגרעס־פּוילן, וועלכע האָט זיך פיל פאַרשטאַרקט נאָך דער דייטשער אָקופּאַציע און דורכגעמאַכט אַ שנעלן אַנטוויקלונגס־וועג פון אַ יידישער סקויטינג־אָרגאַניזאַציע ביז צום „השומר הצעיר" — וועלכער האָט שוין געטראָגן אַ אויס־געשפּראָכענעם יידישן און ציוניסטישן כאַראַקטער.

אָט אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן די שומרישע עליה קיין ארץ־ישראל.

אין משך פון אַ קורצער צייט זענען אָנגעקומען אין לאַנד אַריין עטלעכע הונדערט שומרים, דערהויפּט פון גאַליציע.

די שומרישע עליה האָט זיך אָנפאַנגס ניט קאָנצענטרירט אַזוי ווי די רוסישע עליה, נאָר זיך צעטיילט אין קלענערע גרופּן, אָן אַ שום פאַרבינדונג פון איינער מיט דער צווייטער. אַ גרעסערע קבוצה האָט זיך קאָנצענטרירט אין בית וגן, נעבן יבנאל און פון דאָרט איז אַ טייל אַריבער קיין ביתניה־עלית און אַ טייל צום שאָסיי חיפה—נצרת. דאָ איז געשאַפן געוואָרן דער גדוד העבודה „שומריה".

די קבוצה פון ביתניה האָט צום סוף פאַרלאָזט דאָס פּלאַץ און צוזאַמען מיט אַ גרעסערער גרופּע פון גדוד „שומריה" און מיט עטלעכע איינצעלנע חברים האָבן זיי געשאַפן דעם קיבוץ א׳ פון „השומר הצעיר" (פסח 1921).

אין יאַנואַר 1922 איזביים שאָסיי נוה־שאנן געגרינדעט געוואָרן דער קיבוץ ב׳. אַ געוויסע צייט שפּעטער איז געשאַפן געוואָרן דער קערן פון קיבוץ ג׳, דער קיבוץ פון הרצליה.

די קיבוצים פון „השומר הצעיר" אין דער צייט פון דער דריטער עליה, ניט ווי דער גדוד העבודה, האָבן זיך אָפּגעזונדערט פון די איבעריקע אַרבעטער. זיי האָבן זיך געלעבט אַ סעפּאַראַט לעבן, ניט אויסמישנדיק זיך מיט אַנדערע. זיי האָבן זיך ניט אָנגעשלאָסן אָן די עקזיסטירנדיקע פּאַרטייען, אָבער אויך ניט געשאַפן קיין אייגענע אָרגאַניזאַציע. זיי האָבן זיך באַנוגנט מיט זייער באַשרענקטער געזעלשאַפט. אין תוך גענומען, האָבן זיי אויך אין לאַנד פאָרגעזעצט אַ לעבן פון אַ אָפּגעשלאָסענער יוגנט־געמיינדע, נאָר זיי האָבן זי פאַרטיפט און געשטרעבט אַרומצונעמען אין איר דאָס מאַטעריעלע און גייסטיקע לעבן פון יעדן פּרט.

און ניט נאָר וואָס זיי האָבן ניט געפּרוּווט ווערבירן אַנדערע פאַר זייער באַזונדערן וועג, נאָר זיי האָבן אפילו ניט געשטאַרקט דעם קאָנטאַקט צווישן די פאַרשידענע קבוצות פון שומרים, וועלכע האָבן געפירט אַ קאָלעקטיוון לעבן. ערשט אין יאָר 1927 האָבן זיי געשאַפן דעם קיבוץ ארצי.

חבורת העמק

איבער דער „חבורת העמק״ לייענען מיר:

„אונזער גרופּע האָט זיך אָרגאַניזירט דעם 1 מאַי 1921, אויפן שאָסיי עפולה—נצרת, אונטערן דרוק פון די אומאָרדענונגען אין אַרבעטער־לעבן אויפן אָרט. מיר האָבן ניט געשטרעבט צו גרויסע זאַכן. פון פאַראויס האָבן מיר זיך געשטעלט באַשיידענע און באַגרענעצטע צילן: פאַרבעסערן די לאַגע אויף דעם דאָזיקן אַרבעטס־פּלאַץ דורכן איינאָרדנען אַן אייגענע פאַרוואַלטונג, הויבן די אַרבעטס־פּראָדוקטיוויטעט און פאַרבעסערן די לעבנס־באַדינגונגען״.

„אין די לאַגערן פון עפולה—נצרת שאָסיי האָט פריער געהערשט אַן אומבאַשרייבלעכער כאַאָס; די אַרבעטס־סיסטעמען האָבן פאַרשאַפט אומאויפהערלעכע דעפיציטן דער לייטונג און די אַרבעטער; די חברים זענען אַרומגעגאַנגען פאַרביטערטע, צוליב דער אומאָרדענונג און אָפּגעלאָזנקייט ביי דער אַרבעט און אין קולטור־לעבן. די בעסטע חברים האָבן אָנגעהויבן פאַרלאָזן דעם אָרט איינ־ציקווייז און אין גרופּעס.

„מיר האָבן באַשלאָסן זיך דעם אַנטקעגנשטעלן. מיר האָבן געגרינדעט די „חבורה״, און איר אָנפאַנגס־טעטיקייט איז באַצייכנט געוואָרן אַלס געלונגענער פּרווו.״

„די פּראָדוקציע איז געשטיגן אין אַן אומדערוואַרטעטער מאָס; אַ דאַנק דעם אינטערעס און איבערגעבנקייט פון די חברים, איז די אַרבעטס־אָרדנונג פאַרבעסערט געוואָרן, און די רעזולטאַטן — אַ גוטער מאַטעריעלער מצב, וועלכער האָט דערמעגלעכט דעקן די דעפיציטן פון די חברים פון דער ערשטער אַרבעטס־צייט ביים כביש און א ריווח פון הונדערטער פונטן. דאָס איבעריקע — געזעלשאַפט־לעכער לעבן און קולטור־טעטיקייט — איז געקומען פון זיך אַליין.

„מיר האָבן זיך פאַרבונדן, ווי געזאָגט, אויף אַ באַשטימטער צייט און צו אַ באַשטימטער אַרבעט. אָבער נאָכן פאַרענדיקן פון דער אַרבעט האָט אַ טייל חברים באַשלאָסן פאָרזעצן די עקזיסטענץ

פון דער חבורה, אין אַן אַנדערן תוכן" (א. צ. קונטרס קכ"ט, סיון תרפ"ג).

נאָכן פאַרענדיקן פון דער אַרבעט ביים שאָסיי, איז די חבורה אַריבער צו אַנדערע אַרבעטן פונם „אָמט פאַר עפנטלעכע אַרבעטן" (משרד לעבודות צבוריות). פאַקטיש האָט זי עקזיסטירט ווי אַ קבוץ ארצי (לאַנד־קבוץ) מיט אָפּטיילונגען (פלוגות) אין פאַרשידענע פונקטן. געווען צייטן, ווען אירע פלוגות זענען געווען אין זעקס פונקטן. איר ראָל אין דער אַרבעט פון „אָמט" און ביים אויפנעמען פון נייע עולים, איז געווען גרויס.

אין דער חבורה איז געווען איינגעפירט אַן אינדיווידועלער חשבון, הגם דער חשבון האָט זיך געפירט בלויז טעאָרעטיש, ווייל סיי ווי האָבן די חברים ניט געקראָגן מזומן געלט. דער חשבון האָט זיך באַזירט אויף דער צאָל אַרבעטס־טעג. קראַנקהייטס־טעג זענען נאָטירט געוואָרן אויפן חשבון פון כלל. די חבורה האָט געשטרעבט צו אַ מאַסן־אָרגאַניזאַציע, וועלכע פאַראייניקט די חברים אירע מיטן צוועק אויפצונעמען די עליה און אויפבוי פון דער יידישערווירטשאַפט אין לאַנד. פאַר דעם צוועק איז נויטיק אַ באַדייטענדיקער אונטערנעמערישער אינסטרומענט (ד. ה. פאַר קבלנות), וואָס זאָל זיך געפינען אין די הענט פון דער אַרבעטערשאַפט און וואָס פאַרמאָגט אַלע אַרבעטס־און פראָדוקציע־מיטלען. די חבורה האָט זיך ניט פאַרגענומען אַזעלכע אומפאַסנדיקע אויפגאַבן, ווי דער גדוד העבודה, און פון דער צווייטער זייט האָט אין איר געפעלט די געזעלשאַפטלעכע אָרגאַנישקייט פון „השומר הצעיר".

די חבורה האָט אָנגעפירט אַן אינטענסיווע קולטור־טעטיקייט און זי איז געווען פון די איבערגעבנסטע קערפּערשאַפטן פאַר דער טעטיקייט פון דעם „אָמט פאַר עפנטלעכע אַרבעטן".

די חבורה איז ניט ווינציק באַאיינפלוסט געוואָרן פון „גדוד העבודה". געווען צייטן, ווען ס'האָבן זיך געפירט אונטערהאַנדלונגען מכוח אַ פאַראייניקונג פון „גדוד העבודה", „השומר הצעיר" און „חבורת העמק". נאָר די דיסקוסיעס און ראַנגלענישן, וואָס האָבן זיך

אַנגעהויבן אין דער געמיינזאַמער ווירטשאַפט עין־חרוד—תל־יוסף, האָבן אָפּגעלענקט דעם שווער־פּונקט אויף אַן אַנדער זייט.

נאָך דער אָפּטיילונג פון עין חרוד און תל־יוסף האָט זיך די חבורה פאַראייניקט מיט עין חרוד. אַרום צוויי דריטל פון די חברים האָבן זיך אַנגעשלאָסן אָן דער פאַראייניקונג.

דער „מצרישער גדוד העבודה"

צו דער פרשה פון דער דעראָבערונג פון די עפּענטלעכע אַרבעטן דאַרף מען צורעכנען דעם פּרווו צו דעראָבערן די אַרבעטן פונם ענגלישן מיליטער. טויזנטער מצרישע אַרבעטער זענען געווען באַשעפטיקט ביי די דאָזיקע אַרבעטן און זענען געווען אַ געפאַר פאַר דער עפּענטלעכער זיכערהייט, וועלכע איז דערשיטערט געוואָרן נאָך די אומרוהען פון מאי 1921. אַלס רעזולטאַט פון די אונטערהאַנדלונגען צווישן דער ציוניסטישער רעפּרעזענטאַנץ און דער מיליטער־מאַכט, האָט מען באַשלאָסן צו מאָביליזירן, אַלס ערשטן פּרווו, אַ יידישן אַרבעטס־לעגיאָן פון 200 אַרבעטער, וועלכער איז אַנטשטאַנען אין יולי 1921. זיין הויפּט־קערן זענען געווען די חברים פון גדוד העבודה אויפן נאָמען פון יוסף טרומפּעלדאָר.

דער לעבנס־שטייגער אין דעם לעגיאָן, וועלכ'ן מ'האָט גערופן „מצרישער אַרבעטס־לעגיאָן" („גדוד העבודה המצרי"), איז געווען אַ מיליטערישער. די הויפּט־אַרבעט איז באַשטאַנען פון טרעגערײ אין די מאַגאַזינען. די לעבנס־באַדינגונגען זענען געווען אַזעלכע, ווי פון די טויזנטער מצרים, וועלכע האָבן געאַרבעט אין שכנות מיט זיי. אָבער ביסלעכווייז האָבן זיך די לעבנס־באַדינגונגען פאַרבעסערט. דער קאָנטראַקט איז אָפּגעשלאָסן געוואָרן אויף אַ האַלב יאָר. אָבער נאָך פאַרן אָפּלויף פון דער צייט האָט די „צענטראַלע פאַר עפּענטלעכע אַרבעטן" אָפּגעשלאָסן אַן אָפּמאַך מיט דער מיליטער־מאַכט, מכוח מאָביליזירן אַ נייע גרופּע פון 400 מענטשן. אָבער אינצווישן האָט דאָס ענגלישע מיליטער אָנגעהויבן פאַרלאָזן דאָס לאַנד. די אַרבעטן זענען פאַרקלענערט געוואָרן, און דאָס מיליטער האָט ביי זיי

באַשעפטיקט בלויז אַראַבער. די נייע פּלוגה האָט געאַרבעט עטלעכע חדשים. דעם ערשטן מאַי 1922 האָט זי זיך ליקווידירט. די מיליטער־אַרבעטן זענען איבערגעגעבן געוואָרן דער ציווילער אַדמיניסטראַציע, וועלכע האָט דערווייטערט דעם יידישן אַרבעטער.

קולטור־זאָרגען

אין די אַרבעטער־לאַגערן ביי די שאָסייען און ביי די עפּענט־לעכע אַרבעטן איז אָנגעפירט געוואָרן אַ פאַרצווייגטע אַרבעט פון לערנען העברעאיש און באַפרידיקן די קולטורעלע באַדערפענישן.

אַ באַזונדערע ראָל האָט דערפילט די צענטראַלע ביבליאָטעק. די צייטווייליקע לאַגערן האָבן ניט געקאָנט פאַרשאַפן אייגענע ביבליאָטעקן. אָנהויב יאָר 1923 האָט די ביבליאָטעק פאַרמאָגט אַרום 25.000 ביכער. אַ וואַנדערנדיקער ביבליאָטעקאַר פלעגט באַזוכן אין די ערטער און בייטן די ביכער.

דאָ און דאָרט האָט מען איינגעאָרדנט ביי די שאָסייען מוזי־קאַלישע אָוונטן, אָבער געווען מקומות, וואָס האָבן ניט זוכה געווען דערצו, ווי לאַנג זיי האָבן עקזיסטירט. פון צייט צו צייט האָט מען אַרויסגעשיקט רעפערענטן אין די לאַגערן. די צענטראַלע קולטור־קאָמיסיע האָט געשיקט לערער אויף צו לערנען העברעאיש אין די ערטער. צווישן די לערער — י. ח. ברענער, וועלכער האָט פיל געווירקט אין גדוד העבודה און זיין השפעה אויף די חברים איז געווען אַ באַדייטנדיקע.

די קראַנקן־קאַסע (קופת חולים) האָט באַגלייט די אַרבעטער פון די לאַגערן אויף אַלע זייערע וואַנדערונגען.

פון שאָסיי צו בוי־אַרבעט

די גרויסע שאָסיי־אַרבעטן האָבן געהאַלטן ביים פאַרענדיקט ווערן, און די אַרבעטער זענען ווידער געשטעלט געוואָרן פאַר דער פראַגע פון אַרבעט און עקזיסטענץ. ס'זענען מער ניט געווען קיין אויסזיכטן פאַר גרויסע רעגירונגס־אַרבעטן. די ביודזשעטן פון דער

רעגירונג זענען געוואָרן באַשרענקט, און אויף וויפיל זי האָט נאָך אויסגעפירט אַרבעטן — האָט זי זיי אָפּגעגעבן פאַר גאָר נידריקע פרייזן, וועלכע זענען געווען אויסגערעכנט אויף אַ נידריקן אַרבעטס־לוין. אויסער דעם האָבן אין די רעגירונגס־קרייזן געבלאָזן ווינטן קעגן ציוניסטישן ווערק און קעגן דער עליה.

די ענערגיע פון דער דריטער עליה איז געלענקט געוואָרן אויף נייע געביטן: בוי־אַרבעט און התישבות. דאָ ספּעציעל האָט זי דעמאָנסטרירט איר צופּאַסונגס־קראַפט און אַרבעטס־פעאיקייט.

אויך ביי די בוי־אַרבעטן האָט דער גרעסטער טייל פון די אַרבעטער פאַרגעזוצט דעם קאָלעקטיוון לעבנס־שטייגער. לויט דער פאָרשונג, וואָס איז געמאַכט געוואָרן דורכן ח׳ וו. פּרויס אין יאָר 1922, האָבן 38,8% פון 1834 אַרבעטער אין די בוי־גרופּן געלעבט אַ פולשטענדיקן קאָלעקטיוון לעבן; און 43,4% — אין קאָאָפּעראַטיווע גרופּן, וועלכע האָבן זיך געטיילט מיט דער הכנסה, לויט דער צאָל אַרבעטס־טעג פון יעדן איינציקן. די איבעריקע האָבן פאַרטיילט די הכנסה לויט דער צאָל אַרבעטס־טעג, מיט אַ באַשטימטער הוספה פאַר ספּעציאַליסטן און בעלי־משפחה.

דער רוב פון די חברים אין די קבוצות זענען געווען ניט־פאַרהייראַטע. אין 1922 זענען געווען בלויז 10% בעלי משפחה און אין יאָר 1923 אַרום 16%.

בלויז אַ העלפט פון די קבוצות האָבן געהאַט בשותפותדיקע קיכן. די איבעריקע האָבן געגעסן אין רעסטאָראַנען, אָדער זיי האָבן זיך ווי־עס־איז פּריוואַט איינגעאָרדענט. די הכנסות זענען געווען גאַנץ נידריק און מען האָט געדאַרפט אויסגעבן אויפן עסן אַליין 70%—80 פון דער הכנסה. אַ גרויסער טייל האָט פאַרדינט נאָר אויפן עסן. אין דער צווייטער העלפט פון יאָר 1923 האָט זיך די לאַגע פון די בוי־אַרבעטער פאַרערגערט. די אַרבעטס־לאָזיקייט האָט זיך פאַרשטאַרקט. אַ באַדייטנדיקער טייל פון די חברים האָט געאַרבעט ניט מער ווי איין אָדער צוויי טעג אין דער וואָך.

די חברים פון די קבוצות האָבן אין די יאָרן 1922 און 1923

אויסגעמאַכט אַרום 40% פון אַלע אַרבעטער ביי די עפנטלעכע אַרבעטן און בוי.

דער קאָלעקטיווער לעבנס־שטייגער און די בשותפות׳דיקע אַרבעט האָבן ניט ווינציק פאַרהאַלפן צו דער פאַכלעכער אויסביל־דונג פון הונדערטער חברים, וועלכע זענען געקומען אין לאַנד אָן אַ שום פאַך־קענטניש און אַרבעטס־צוגרייטונג. אויפן פריוואַטן אַרבעטס־מאַרק, ווען דער אַרבעטער האָט געוואָלט לערנען אַ פאַך, איז ער געווען געצוווּנגען צו אַרבעטן עטלעכע חדשים ביי זיין אַר־בעטס־געבער אָן אַ שום לוין. אַזוי אַרום איז ער פאַרזונקען געוואָרן אין חובות און געמוזט מאכן אָנשטרענגונגען אָפּצוצאָלן די „אינוועס־טיציע". פון דער צווייטער זייט, זענען די פאַכלייט ניט געווען פאַר־אינטערעסירט אויסצובילדן נייע פאַכלייט, וואָס זאָלן מיט זיי קאָנקורירן. אַנדערש איז אין דער קבוצה. דאָרט איז די עקזיסטענץ פון חבר געווען געזיכערט, אויך אין דער צייט ווען ער האָט געלערנט דעם פאַך. די קבוצה איז געווען פאַראינטערעסירט צוצוגרייטן ברייטע קאַדרען פון פאַכלייט. אויך דער „אָמט פאַר עפנטלעכע אַרבעטן" איז געווען פאַראינטערעסירט אין דעם און האָט דערמונטערט די דאָזיקע טענדענץ. גרויס איז געווען די ראָל פון דעם „אָמט" אין דעם אויסבילדן קאַדרען פון פאַכלייט, וועלכע האָבן דערמעגלעכט דעם יידישן אַרבעטער נייע דעראָבערונגען.

די נויטווענדיקייט פון דער פאַכלעכער אויסבילדונג ביי די בוי־אַרבעטן האָט אַרויסגערופן פאַרוויקעלטע געזעלשאַפטלעכע פּראָבלעמען. ביי די שאָסיי־אַרבעטן זענען אַלע געווען אומדער־פאַרן, און חוץ דעם האָט זיך ניט גענויטיקט אַזאַ גרויסע צאָל ספּעציאַליסטן. דעריבער איז די פראַגע פון לוין־גלייכקייט געווען אַ לייכטערע. די בוי־אַרבעטן האָבן באַשעפטיקט אַ גרויסע צאָל בעלי־מלאכה און פאַכלייט, ווי: מוירער, סטאָלערס, שלאָסער, אינטסאַ־לאַטאָרס א. א., צווישן זיי זענען געווען ניט ווינציק, וואָס זענען ניט געקומען פון די „החלוץ"־רייען און זענען ניט געווען דורכגע־דרונגען מיט דער שטרעבונג צו גלייכקייט. געווען אויך פאַלן, אַז

חלוצים־אַרבעטער האָבן זיך אויסגעלערנט אַ פאַך אין דער קבוצה און אויף איר חשבון, און שפּעטער זי פאַרלאָזט, ניט זייענדיק מסכים צו דער גלייכער לוין־פאַרטיילונג, און געפאָדערט אַ העכערן אַרבעטס־לוין. ס'האָט זיך געשאַפן אַ דיפערענציאַציע צווישן די בוי־אַרבעטער. די הסתדרות האָט ניט געקאָנט פאַרציכטן אויף די פאַכלייט, ווייל אָן זיי האָט מען ניט געקאָנט אויספירן די בוי־אַרבעטן, אָבער ס'איז אויך שווער געווען אָננעמען זייערע פאָדערונגען, ווייל זיי האָבן אַריינגעבראַכט פרעמדע עלעמענטן אין די בוי־קבוצות, אויף וועלכע ס'האָט זיך באַזירט די אַרבעט פון „אָמט" (משרד לעבודות צבוריות). די קבוצות זענען געווען פאַראינטערעסירט אין אַ גלייכער לוין־פאַרטיילונג ביי די פאַרשידענע בוי־אַרבעטן — קוואַליפיצירטע און ניט־קוואַליפיצירטע. דאַקעגן די פאַכלייט האָבן געפאָדערט אַ לוין־סקאַלע.

און נאָך, ביי די שאָסיי־אַרבעטן איז דער „אָמט" געווען כמעט אַ מאָנאָפּאָליסט. אַנדערש איז געווען ביי די בוי־אַרבעטן, וועלכע זענען אויך איבערגעגעבן געוואָרן צו פּריוואַטע קבלנים (אונטער־נעמער), וועלכע האָבן באַשעפטיקט פאַכלייט. מיטן פאַרמערן זיך פון די אַרבעטער ביי די פּריוואַטע קבלנים, האָט זיך פאַרשאַרפט די פראַגע וועגן די אינערלעכע פאַרהעלטעניסן אין דער אָרגאַני־זאַציע פון די בוי־אַרבעטער.

די בוי־קבוצות האָבן אָנגענומען גאַנצע אַרבעטן, פונם פונדאַ־מענט ביז צום דאַך. זיי זענען דעריבער ניט געווען פאַראינטערעסירט צוצעברעקלען די אָרגאַניזאַציע לויט פאַכן. אַנדערש האָבן געטראַכט די פאַכלייט ביי פּריוואַטע קבלנים. די אָרגאַניזאַציע פון די בוי־אַרבעטער, וועלכער איז פריער געווען בעיקר פאַרנומען מיט דער אָרגאַניזירונג פון דער זעלבסטשטענדיקער אונטערנעמערישער אַרבעטער־ווירטשאַפטביים בוי, איז אַריבער ביסלעכווייז צו דער טעטיקייט אויפן פּריוואַטן מאַרק, צו דער אָרגאַניזירונג פון די אַרבעטער און פאַרטיידיקונג פון זייערע רעכט.

נייע דעראבערונגען

מיט דער אַנטוויקלונג פון דער בוי־אַרבעט האָבן זיך די חלוצים באַמיט אַריינצודרינגען אויך אין אַנדערע אַרבעטס־געביטן און קודם כל אין די, וואָס זענען פאַרבונדן מיט דער בוי־אַרבעט. אַ באַדייטנדיקע צאָל מענטשן האָבן זיך איינגעאָרדנט ביי טראַנס־פּאָרט־אַרבעטן, ביי אויטאָמאָבילן, וועגענער, קעמלען און אייזלען. בלויז אין תל־אביב האָבן געאַרבעט ביי די דאָזיקע אַרבעטס־צווייגן ארום 450 מענטשן, אַ דריי פערטל פון זיי פון דער נייער עליה. מען האָט געמאַכט אָנשטרענגונגען אַריינצודרינגען אין די פּאָרט־אַרבעטן: אָנפאַנג 1923־טן יאָר האָט דער „אַמט פאַר עפּענטלעכע אַרבעטן" באַקומען אַ דערלויבעניש פון צאָל־אַמט אין חיפה אויף צו באַשעפטיקן 75 יידישע אַרבעטער ביי די פּאָרט־אַרבעטן. מיט פיל מי און אנשטרענגונג איז אויך דעראָבערט געוואָרן די אַרבעט פאַר די יידישע לאַסט־אַרבעטער אין יפו'ער פּאָרט און ביי די באַן־סטאַציעס אין יפו און תל־אביב.

ביסלעכווייז האָבן זיך אָנגעהויבן אַנטוויקלען אינדוסטריע־אונטערנעמונגען, און קודם־כל אויף די געביטן, וואָס זענען פאַרבונדן מיט דער בוי־אַרבעט. אין יאָר 1921 איז אויפגעשטעלט געוואָרן די „סיליקאַט"־פאַבריק, וועלכע האָט באַשעפטיקט צענטליקער אַרבע־טער. אין יאָר 1922 — די זאַלץ־אינדוסטריע אין עטלית, די גרויסע מילן אין חיפה און די פאַבריק „שמן". אָנפאַנג 1924־טן יאָר האָט האָט מען אָנגעהויבן בויען די צעמענט־פאַבריק „נשר". די דאָזיקע אונטערנעמונגען האָבן באַשעפטיקט די מענטשן פון דער דריטער עליה. צו די אַרבעטן פון אייזנבאַן, טעלעפאָן און פּאָסט האָט מען אָנגעהויבן אַריינדרינגען נאָך ביים אָנהויב פון דער דריטער עליה.

צו קאָלאָניזאַציע

אין יאָר 1920 זענען געקויפט געוואָרן צוויי גרויסע ערד־שטחים אין עמק־יזרעאל. איינער אין מזרח־זייט, בערך 30 טויזנט דונאַם, און דער צווייטער — אין מערב־זייט, ביי 20 טויזנט דונאַם.

דאָס איז געווען דער ערשטער מאָל, וואָס דער קרן קימת לישראל האָט דערוואָרבן אַזאַ גרויסן שטח באַדן. דער באָדן אין געווען וויסט און פאַרלאָזן זייט לאַנגע דורות, פול מיט זומפּן וואָס האָבן פאַרשפּרייט קראַנקהייטן צווישן די איינוואוינער פון דער סביבה, אָבער גלייכצייטיק איז די ערד געווען אַ פעטע און פרוכטבאַרע, און מען האָט נאָר באַדאַרפט אויסטריקענען די זומפּן.

אין דער צייט, ווען דער צוועלפטער קאָנגרעס (1921) איז געזעסן און דעבאַטירט די טאָג־פראַגן, און נאָך איידער ס'איז געפאַסט געוואָרן דער באַשלוס וועגן דער קאָלאָניזירונג פון עמק, זענען ארויף (אין אלול 1921) די מיטגלידער פון ערשטן ארגון פאַר אַ מושב עובדים אויף זייער באָדן אין מערב־טייל פון עמק און געשאַפן דעם דאָרף — נהלל. מיט צען טעג שפּעטער זענען די מיטגלידער פון גדוד העבודה אַרויף אויפן באָדן נעבן דעם קוואַל הרוד, און אויפגעשטעלט זייערע געצלטן. די מענטשן פון נהלל זענען אַלע געווען פון דער צווייטער עליה און באַהאַוונטע פעלד־אַרבעטער. זיי זענען ארויף אויפן באָדן אַלס שטענדיקע מתישבים. אַנדערש — די מיטגלידער פון גדוד העבודה. זיי זענען באַטראַכט געוואָרן בלויז אַלס דעראָבערער פון אָרט, מיטן צוועק צוגרייטן דעם באָדן און זיך אַליין צו קאָלאָניזאַציע. די אינסטיטוציעס האָבן זיך ניט מתכוון געווען אָנערקענען דערמיט דעם גדוד אַלס אַ קאָלאָניזאַציע־פאָרם. אָבער אַנדערש האָבן געקלערט די מענטשן פון גדוד. זיי האָבן געזען אין דעם קאָלעקטיוויסטישן לעבנס־שטייגער דעם וועג פון יידישן אַרבעטער אין אַלע צווייגן פון אַרבעט אוןווירטשאַפט.

נאָך פאַר'ן קומען פון דער דריטער עליה איז געמאַכט געוואָרן אַ פּרווו צו פאַרברייטערן די ראַם פון דער קבוצה. די קבוצת כנרת האָט אָנגענומען עפּעטלעכע אַרבעטן, כדי צו באַשעפטיקן חברים אויסער דער לאַנדווירטשאַפט און איז דערגאַנגען ביז 60 מיטגלידער. איינער פון אירע חברים, ש. לביא, איז אַרויס מיט אַ שטאַרקער פּראָפּאַגאַנדע פאַר אַ גרויסער קבוצה, וואָס אירע חברים זענען ניט

קיין אויסדערוויילטע יחידים און איר ראם איז אַ ברייטע און פּאַראייניקט אין זיך לאַנדווירטשאַפט, אינדוסטריע און האַנטווערק, און וואָס איר ציל איז אַלייןבאַזאָרגונג פון אירע באַדערפעניש. דער ח׳ לביא האָט זיך געווענדעט מיט זיין פּלאַן צום גדוד העבודה, וועלכער האָט דעמאָלט געציילט אַן ערך 600 חברים, און זיין פּלאַן איז אָנגענומען געוואָרן. די חברים פון גדוד האָבן געגלויבט, אַז זיי וועלן באַקומען דעם גאַנצן שטח פון קרן קימת אין מזרח־טייל פון עמק, אַרום 30 טויזנט דונאַם — און דאָרט וועלן זיי מאַכן דעם נסיון פון אַ גאַר גרויסער ווירטשאַפט, וועלכע וועט מפרנס זיין הונדערטער — און אין דער צוקונפט טויזנטער — מענטשן, און וועלכע וועט זיין פאַרבונדן אויף קאָלעקטיוויסטישע יסודות מיט די פּלוגות (אפטיילונגען) פון גדוד.

אָבער שוין אין די ערשטע וואָכן האָבן זיי זיך געזען געצוווּנגען צו פאַרציכטן אויפן דאָזיקן גרויסן פּלאַן. אַנדערע גרופּן האָבן געפאָדערט דעם באָדן, און אַ טייל באָדן איז טאַקע אָפּגעגעבן געוואָרן אַ צווייטן אירגון פאַר אַ מושב עובדים און דער „קבוצת טאַרטאַקאָוו". אַזוי אַרום זענען געשאַפן געוואָרן צוויי נייע ישובים: כפר יחזקאל און גבע. אין דער זעלבער צייט איז דער גדוד אַרויף אויף אַ צווייטן פונקט אין עמק, קיין תל־יוסף. אין זומער 1922 האָבן זיך באַזעצט אין בית־אלפא צוויי נייע קבוצות: „חפצי־בה" און דער קיבוץ א׳ פון „השומר הצעיר". מיט דער אויפפאַסונג זיינער איבער דעם בוי פון דער ווירטשאַפט האָט זיך דער דאָזיקער קיבוץ דערנענטערט צו דער אויפפאַסונג פון דער גרויסער קבוצה — אַ גרויסע ווירטשאַפט, אייגענע פּראָדוקציע און קאָלעקטיוויסטיש לעבן, אָבער די חברים זיינע האָבן געוואָלט אָפּהיטן די פּערזענלעכע פאַרבונדעגקייט און אָרגאַנישן בוי פון זייער געזעלשאַפט, און מיט דעם זענען זיי געווען נאָענטער צו דער קבוצה.

פריער נאָך אין 1920 האָבן זיך באַזעצט 2 נייע קבוצות פון דער דריטער עליה אויף דעם באָדן, וואָס דגניה א׳ האָט אָפּגעטיילט — דגניה ב׳ און ג׳. דגניה ב׳ איז כמעט פון אָנהויב אָן געווען אַ

בשותּפותדיקע אונטערנעמונג פון מענטשן פון דער צווייטער עליה — די קבוצה „עבודה״ — און מענטשן פון דער דריטער עליה — די באַברויסקער קבוצה. צאַלמעסיק זענען די מענטשן פון דער דריטער עליה געווען מערער. אויך דער ווידער־אויפבוי פון כּפר־גלעדי — נאָכ׳ן טויט פון טרומפּעלדאָר און זיינע חברים — איז געווען אַ בשותּפות׳דיקע אַקציע פון די מיטגלידער פון „השומר״ און מיטגלי־דער פון גדוד העבודה. דגניה ג׳ איז אין יאָר 1922 אריבער קיין גניגר. אויך קרית־ענבים, ביי ירושלים, איז באַזעצט געוואָרן אין יאָר 1920.

די אַרבעטער־ציילונג פון 1922 האָט באַוויזן, אַז אין די ישובים, וועלכע זענען אויפגעשטעלט געוואָרן דורך דער דריטער עליה — עין־חרוד, דגניה ב׳, גניגר, חפצי־בה, בית־אלפא, קרית ענבים, תל־יוסף און אַנדערע, האָבן זיך געפונען איבער 650 חברים, צווישן זיי בלויז עטלעכע צענטליק פון דער צווייטער עליה. אָבער אויך אין די אַלטע קבוצות, וועלכע זענען געשאַפן געוואָרן דורך דער צווייטער עליה, האָבן זיך געפונען פיל פון דער דריטער עליה. אינם באַריכט פון מרכז החקלאי (לאַנדווירטשאַפטלעכער צענטער) צו דעם צווייטן צוזאַמענפאָר פון דער הסתדרות, ווערט געזאָגט: „אין די לעצטע חדשים פון 1921 האָט זיך פלוצלינג אַנטפּלעקט אַ דערשיי־נונג פון פונאַנדערפאַלן אין אַ סך ווירטשאַפטן. מיר זענען דער־שטוינט פון פאַקט, וואָס האַלבע קבוצות און אַ סך איינצעלנע חברים האָבן פאַרלאָזן זייערע פריערדיקע ערטער און אַריבער אין אַנדערע ערטער, אָדער האָבן פולשטענדיק פאַרלאָזט די לאַנד־ווירטשאַפט, ניט מעלדענדיק וועגן דעם דער הסתדרות. די דאָזיקע דערשיינונג האָט זיך איבערגעחזר׳ט אין 1922, און אין אַ גרעסערן פאַרנעם״. דער מרכז חקלאי האָט ניט געזען קיין אַנדערע ברירה, ווי שיקן רעזערוון אויפן אָרט פון די וואָס זענען אַוועק. אויך די עקאָנאָמישע אַנטוויקלונג פון די ווירטשאַפטן האָט געפאָדערט נייע מענטשן. דער מרכז חקלאי האָט זיך באַמיט צו שיקן אין די ערטער אָרגאַניזירטע גרופּן, און דאָס זענען געווען בלויז חברים פון דער

דריטער עליה. אַזוי האָט מען געשיקט גרופּן קיין דגניה א׳, אילת השחר, מחנים, כנרת און אין אַנדערע קבוצות.

אין יענער צייט האָבן זיך געפונען אין די ישובים, וואָס זענען געשאַפן געוואָרן דורך דער צווייטער עליה, צווישן די 600 בערך אַרבעטער, ארום 200 מענטשן פון דער צווייטער עליה און ארום 300 פון דער דריטער עליה (די איבעריקע האָבן ניט אָנגעגעבן דאָס יאָר פון זייער עליה אָדער זיי זענען געווען געבוירענע אין לאַנד). אַלע די ווירטשאַפטן זענען ניט געוואַקסן אין זייער צאָל אין דער צייט פון פאַר דער ציילונג, אָבער חברים זענען אַרויס און אַריין. דער פאַרמערונגס־פּראָצעס פונם עלעמענט פון דער דריטער עליה איז אין די שפּעטערדיקע יאָרן נאָך מער געשטיגן. די דריטע עליה האָט אָפּגעראַטעוועט אַ גרויסע צאָל ווירטשאַפטן פון דער צווייטער עליה פון צערפאַל און אייניקע האָט זי פאַרהאַלפן אין זייער אַנטוויקלונג.

אין סוף 1923 זענען אַרויף אויף אַ שטח־באָדן ביי עפולה די צוויי קבוצות צריפין און מאַרקענהאָף. צוליבן מאַנגל אין באָדן איז די מאַרקענהאָפער קבוצה אַריבער קיין אום־ג׳וני אין עמק הירדן און געשאַפן די קבוצה בית־זרע. די קבוצת צריפין איז פאַרבליבן אויפן אָרט און אַנטוויקלט איר ווירטשאַפט — מזרע.

אָבער ניט אַלע מענטשן פון דער דריטער עליה זענען קאָלאָניזירט געוואָרן אין די יאָרן 1920—1923. אַ טייל פון דער דריטער עליה איז דערגאַנגען צו התישבות פיל שפּעטער, ערשט מיט דער באַזעצונג פון דעם מזרח קישון־בלאָק אין 1926. דעמאָלט האָבן זוכה געווען זיך צו באַזעצן די קבוצות פון דער דריטער עליה, די קבוצת השרון און די קבוצת שרונה (רמת דוד), דער קיבוץ ב׳ פון „השומר הצעיר״ (משמר העמק), די פּינסקער קבוצה (גבת) און „אחוה״ (שריד).

צו יענער צייט, האָט זיך, צום ערשטן מאָל, באַזעצט אַ אירגון פון דער דריטער עליה אין דער פאָרם פון אַ מושב עובדים.

אין דער צייט פון די כבישים האָט די עולים פון דער דריטער עליה ניט געצויגן די אידעע פון מושב עובדים. אויך דער מאַנגל

אין לאַנדווירטשאַפטלעכער הכשרה איז געווען אַ סיבה, פאַרוואָס די חלוצים האָבן זיך ניט אָרגאַניזירט צו קאָלאָניזירונג אין דער פאָרם פון אַ מושב. אָבער ווען ס'האָבן אָנגעהויבן די עפּענטלעכע אַרבעטן אין נהלל, זענען צענטליקער חברים פון דער דריטער עליה געווען דאָרט באַשעפטיקט ביים טריקענען די זומפּן, פלאַסטערן שאָסייען און ביים בוי. די חברים פון נהלל, גוטע פעלד־אַרבעטער און קולטור־מענטשן, האָבן משפיע געווען אויף די ייִנגע און זיי האָבן דעצידירט צו גיין אין זייער וועג, דעם וועג פון מושב. אַזוי האָט זיך אָרגאַני־זירט, נאָך אין די צייטן פון דער דריטער עליה, אַ נייער אירגון צו מושבי עובדים. אין די יאָרן 5־1924 זענען געגרינדעט געוואָרן נאָך צוויי ארגונים צו מושבי עובדים פון די מענטשן פון דער דריטער עליה.

דער ערשטער ארגון, וועלכער האָט געציילט 75 משפחות, האָט זיך באַזעצט אין כפר יהושע. דער דאָרף האָט אָנגענומען די פּרינציפּן פון נהלל און נאָך מוסיף געווען אויף זיי, כדי צו פאַרשטאַרקן די געזעלשאַפטלעכע קאָנטראָל, די בשותפות'דיקייט, די קעגנזייטיקע אחריות און די גלייכקייט. זיי האָבן זיך געשטעלט אַ ציל: „איבער־שטייגן נהלל". די חברים פון צווייטן ארגון האָבן זוכה געווען צו התישבות ערשט מיט דער אויסלייזונג פון עמק חפר. צו זיי האָבן זיך אָנגעשלאָסן די מיטגלידער פון דריטן ארגון און 40 משפחות פון דער דריטער עליה, וואָס האָבן פאַרלאָזט עין־חרוד און תל־יוסף, און האָבן געשאַפן אַ גרויסן דאָרף — כפר ויתקין, אין יאָר 1933.

אין צייכן פון קריזיס

דער קאָלאָניזאַציע־ווערק פון דער דריטער עליה האָט געהאַט מאָמענטן פון גרויסער דערשיטערונג, וועלכע האָט באַדראָט ניט בלויז דעם ישוב, וואָס איז געווען נוגע בדבר — די פאַראייניקטע גרויסע ווירטשאַפט עין־חרוד און תל־יוסף — נאָר אויך די גאַנצע קיבוצישע באַוועגונג. נאָך ביים סוף פון ערשטן יאָר פון דער קאָלאָ־ניזאַציע פון גדוד, האָבן זיך אָנגעהויבן אַנטפּלעקן מיינונג־פאַרשידנ־

קייטן אין דעם געמיינזאַמען משק איבער די פֿאַרבינדונגס־פֿאַרמען פֿון דעם משק מיטן גדוד העבודה. דער גדוד העבודה האָט פֿאַראייניקט אין זיך פֿאַרשידענע אָפּטיילונגען אין שטאָט און אין דאָרף, אויפֿן יסוד פֿון דער אַלגעמיינער קאַסע, וואָס איר אויפֿגאַבע איז געווען: אויסגלייכן די לעבנס־באַדינגונגען אין די פֿאַרשידענע פּלוגות, אָן אונטערשיד פֿון דער גרויס פֿון זייערע הכנסות. דער ערשטער יאָר האָט זיך פֿאַרענדיקט מיט אַ דעפֿיציט. די לעבנס־באַדינגונגען האָבן זיך פֿיל פֿאַרערגערט פֿון פֿרילינג 1922־טן יאָר. געווען טעג פֿון הונגער ממש. אויך די ווירטשאַפֿטס־צווייגן, און ספּעציעל די מילך־ווירטשאַפֿט און עופֿות־צוכט, וועלכע האָבן געקאָנט גלייך געבן הכנסות, האָבן זיך ניט אַנטוויקלט אין דער געהעריקער מאָס. דער בודזשעט איז געגעבן געוואָרן אין אַ באַגרענעצטער מאָס. די קאָלאָניזאַציע־אָפּטיילונג ביי דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע האָט באַקומען בלויז אַ דריטל פֿון בודזשעט, וועלכער איז באַשטימט געוואָרן פֿאַר קאָלאָניזאַציע. דער באַשרענקטער בודזשעט האָט ניט דערמעגלעכט צו אַרבעטן לויט אַ פּלאַן. דער גרעסטער טייל פֿון די מענטשן האָבן ניט געהאַט קיין דערפֿאַרנקייט ביי לאַנדווירטשאַפֿט־לעכער אַרבעט און האָבן נאָך ניט געהאַט דערוואָרבן די פּראַקטיק פֿון אָנפֿירן אַ גרויסע ווירטשאַפֿט.

עטלעכע פֿון די חברים מיט ח׳ לביא בראש, האָבן באַטראַכט אַלס אַ פֿעלער די פֿינאַנציעלע קשרים פֿון משק מיטן גדוד. זיי האָבן געפֿאָדערט אַווטאָנאָמיע פֿאַרן משק אין געלט־ענינים. אין פֿאַרלויף פֿון די ויכוחים האָבן זיך אַנטפּלעקט פֿאַרשידענע מיינונגען מכח די באַציונגען פֿון משק צום גדוד. פֿאַר ש. לביא און זיינע חברים איז געווען דער גרויסער משק און די קאָלעקטיוויסטישע קאָלאָניזאַציע — דאָס ווערק וואָס שטייט אין צענטער פֿון די ענינים. זיי האָבן אין אים געזען אַ וועג פֿאַר אַ מאַסן־קאָלאָניזאַציע און אַן ערשטן נסיון, אין וועלכן מען דאַרף פֿאַרווענדן אַלע כוחות כדי ער זאָל מצליח זיין און כדי ער זאָל זיין אַ מוסטער פֿאַר די קאָלאָניזאַטאָרישע אינסטאַנצן און פֿאַר די מתישבים. די חברים פֿון

גדוד האָבן געהאַט אַן אַנדערע אויפפּאַסונג. דער משק אין עמק איז געווען בלויז אַ פּרט, הגם אַ וויכטיקער, איינגעפלאָכטן אין גאַנצן ווערק — אין דער אַלגעמיינער לאַנד־קאָמונע, און אין זייער טעטי־קייט האָבן זיי פּאַר זייערע אויגן געהאַט דעם אינטערעס פון גאַנצן ווערק.

די דיסקוסיעס האָבן דערפירט צו פאַרשאַרפטע באַציונגען און צום סוף — צו דער צעטיילונג פון דער געמיינזאַמער ווירטשאַפט. די וואָס זענען געבליבן געטריי דעם גדוד, זיי האָבן באַטראָפן איבער 200 חברים, האָבן זיך קאָנצענטרירט אין תל־יוסף, און די וואָס האָבן פאַרלאָזן, 105 חברים, האָבן זיך קאָנצענטרירט אין עין־חרוד. צווישן די וואָס האָבן פאַרלאָזן — כמעט אַלע פון דער צווייטער עליה, אַ חוץ אייניקע מיטגלידער פון „השומר". די ווירטשאַפט איז צוטיילט געוואָרן אויף צוויי גלייכע חלקים. די מינדערהייט האָט זיך פאַראייניקט מיט דער „חבורת העמק". נאָך דער פאַראייניקונג זענען פאַרבליבן אויסער עין־חרוד צוויי קליינע פלוגות פון דער „חבורת העמק" — אין כפר־יחזקאל און בלפוריה, וועלכע האָבן זיך געגרופן פלוגות פון „קיבוץ עין־חרוד". מיט דער באַנייונג פון כיבוש העבודה אין די מושבות (פרילינג 1924) האָט דער קיבוץ עין־חרוד געשיקט אַ פלוגה קיין פתח־תקוה. דער „קיבוץ עין חרוד" איז שנעל געוואַקסן: ער האָט געגרינדעט נייע פלוגות און ס'האָבן זיך אָן אים אָנגעשלאָסן עקזיסטירנדיקע ווירטשאַפטן, וואָס האָבן זיך אַנטוויקלט אין דעם אָפּגעזונדערטן קליינעם משק און וועלכע האָבן זיך געגנויטיקט אין הילפס־כוחות: אילת־השחר, גשר, יגור. דער קיבוץ עין־חרוד האָט געדינט אַלס הויפּט־קערן פון דער פאַראייניקונג, וועלכע איז צושטאַנד געקומען אין יאָר 1927 און פון וועלכן ס'איז אַנטשטאַנען דער „קיבוץ המאוחד".

אַנדערש איז געווען דער גורל פון גדוד העבודה. די צעטיילונג פון דער געמיינזאַמער ווירטשאַפט האָט דערפירט צו אָנגעשטרענגטע באַציונגען צווישן גדוד און דער הסתדרות. ס'איז אַנטשטאַנען אַן אָפּאָזיציאָנעלע שטימונג, וועלכע האָט געשאַפן אַ גינסטיקן באָדן

פאַר געדאַנקען, וואָס זענען אַן אָפּנייג פון דעם ציוניסטיש־סאָציאַליס־טישן וועג פון גדוד. פאַרשידענע גורמים האָבן פאַרהאַלפן צו פאַר־שטאַרקן דעם דאָזיקן גייסט. די פערטע עליה, וועלכע האָט מיטגע־בראַכט אויפפאַסונגען און באַגריפן, וואָס זענען געווען אין עקסטרעמען קאָנטראַסט צו די ווערטן פון גדוד, האָט אַרויסגערופן צווייפל ביי פיל חברים פון גדוד וועגן דער מעגלעכקייט צו פאַרווירקלעכן זייערע אידעען. אייניקע חברים פון גדוד האָבן זיך דערקייקלט ביז צום פאַרלייקענען פון ציוניזם, וואָס האָט דערפירט צו אַ שפּאַלטונג אין גדוד, און אַלס רעזולטאַט פון דעם איז אַ גרופּע פון עטלעכע צענטליק חברים אוועק קיין רוסלאַנד. די דריי ווירט־שאַפטן: תל־יוסף, כפר־גלעדי און רמת־רחל, וואָס זענען פאַרבליבן טריי דעם ציוניסטישן סאָציאַליזם און קיבוצישן געדאַנק, האָבן זיך פאַראייניקט סוף 1929־טן יאָר מיטן קיבוץ המאוחד.

די חברה אין דער דריטער עליה

אין אָנהויב פון דער דריטער עליה האָבן זיך באַוויזן בלויז ווייניקע חברות. דער כאַאָטישער צושטאַנד אויף די וועגן און די סכנות, וואָס האָבן אויף זיי געלויערט, האָבן באַשווערט די עליה ספּעציעל פאַר די חברות. אויך די עליה־געזעצן האָבן באַשרענקט דאָס רעכט פון דער נישט־פאַרהייראַטער פרוי צו עליה. אָבער די באַטייליקונג פון דער חברה איז געשטיגן פון יאָר צו יאָר. אין יאָר 1920 האָט די צאָל ניט־פאַרהייראַטע עולות באַטראָפן בלויז 15% פון דער אַלגעמיינער צאָל ניט־פאַרהייראַטע עולים; אין יאָר 1921 — 20%, און אין די יאָרן 1922—3 — 30%. די דאָזיקע ניט־נאָרמאַלע פּראָפּאָרציע צווישן דער צאָל מענער און פרויען איז געווען אַן ערנסטע געזעלשאַפטלעכע פּראָבלעם.

אויב דאָס אַרבעטס־פּראָבלעם איז געווען אַ שווערע פאַר יעדן עולה, איז ער פאַר דער חברה געווען נאָך פיל שווערער. דער גרעסטער טייל פון די עולים איז געגאַנגען צו די שאָסיי־אַרבעטן. די דאָזיקע אַרבעטן זענען געווען פּשוטע און שווערע. אַנטשפּרעכנ־

דיקע אַרבעט פאַר די חברות איז געווען זייער ווינציק און האָט ניט געקלעקט אפילו פאַר אַ קליינעם טייל פון זיי.

און-נאָך אַ שוועריקייט איז צוגעקומען — דער אומווילן פון חבורות און קבוצות אויפצונעמען חברות. די אַרבעטן זענען געמאַכט געוואָרן אין שווערע תנאים, און פיל פון זיי האָבן זיך פאַרענדיקט מיט דעפיציטן. די מיינונג פון די חברים איז געווען, אַז דאָס באַטייליקן פון חברות וועט נאָך פאַרגרעסערן די דעפיציטן. אויך די לייטונג פונ׳ם „אַמט פאַר עפענטלעכע אַרבעטן" האָט ניט אַרויסגעוויזן קיין פאַרשטענדעניש פאַר דער זאַך. עס איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז ס׳זענען געשאַפן געוואָרן צוויי באַזונדערע גרופּעס פון חברות ביי די שאָסייען. (איינע האָט זיך גערופן „בת שבע", לויט דער צאָל פון אירע זיבן מיטגלידערינס, און די צווייטע — „וההחזיקו", ווייל זי האָט געציילט זיבן חברות און איין חבר). זיי האָבן געאַרבעט ביי חצץ (קליינע שטיינער). על פי רוב האָבן די חברות געאַרבעט ביי באַדינונגס־אַרבעטן און באַזונדערס אין קיך.

אַנדערש איז געווען די לאַגע פון די חברות אין די קאָלעקטיוויסטישע גרופּן און באַזונדערס אין קיבוץ „השומר הצעיר" און „גדוד העבודה". די דאָזיקע קיבוצים האָבן זיך באַמיט צו באַזאָרגן פאַר זיך דעם מאַקסימום פון זייערע באַדערפענישן. ניט בלויז קיך־אַרבעטן — ווי אין אנדערע חבורות און קבוצות — נאָר אויך וועשעריי, שנייי דעריי, קראַנקן־פלעגע א. א. וו. דאָ איז אויך די באַציונג געווען אַן אַנדערע — אַ פיל בעסערע — צו דער אַרבעט פון דער חברה אין פעלד, ביים כביש. אויך די פּראָפּאָרציע צווישן די חברים און חברות איז דאָ געווען אַ מער נאָרמאַלע, ווי אין די טעכנישע קבוצות. דער גדוד העבודה האָט נאָך מער געטאָן: נאָך אין מגדל האָט ער אייינגעאָרדענט אַ גרינצייג־גאָרטן אונטער דער לייטונג פון דער חברה לאה מיראָן־קאַצנעלסאָן, און דאָרט האָבן באַקומען זייער הכשרה אייניקע חברות.

ווען די גרויסע אַרבעטן ביי די כבישים האָבן געהאַלטן אין פאַרענדיקט ווערן, זענען פיל פון די אַרבעטער געגאַנגען דערראָבערן

דעם עמק, און אין משך פון אַ קורצער צייט האָבן זיך קאָנצענטרירט אין דער געמיינזאַמער ווירטשאַפט פון תל־יוסף און עין־חרוד אַרום 350 מענטשן, צווישן זיי — פיל חברות. דאָ איז געפונען געוואָרן אַ לייזונג צו דער אַרבעטס־פראַגע פון דער פרוי. זי האָט אָנטייל־גענומען ניט בלויז אין די באַדינונגס־אַרבעטן, נאָר אויך אין די ווירטשאַפטס־צווייגן און באַזונדערס אין די גערטנער, ביי די קי, עופות און ביי די פלאַנצונגען. אין דער דאָזיקער צייט, בערך (אין יאָר 1922) זענען געשאַפן געוואָרן דריי משקי פועלות (אַרבעטאָרינס־ווירטשאַפטן) אין נחלת יהודה, פתח־תקוה און ירושלים און שפּעטער אויך אין שכונת־בורוכוב.

אָבער די מערהייט פון חברות איז פאַרבליבן אין שטאָט. און דאָ איז די אַרבעטס־פראַגע געווען ניט ווינציקער שאַרף ווי ביי די כבישים. אַרום אַ העלפט פון די בוי־קבוצות האָבן ניט געהאַט קיין קיכן און די חברים האָבן געגעסן אין רעסטאָראַנען. פאַבריקן זענען געווען ווינציק און האָבן באַשעפטיקט בלויז עטלעכע צענטליק מיידלאַך (אין די ציגאַרעטן, קאַרטאָנאַזש און שאָקאָלאַד־בראַנזשעס). די הויפּט־אַרבעטן זענען געווען ביים בוי, אָבער אויך דאָ האָבן די חברים ניט אַרויסגעוויזן קיין גרייטקייט צו באַשעפטיקן חברות. אין יאָר 1922 האָבן די חברות באַטראָפן 16% פון דער אַלגעמיינער צאָל אַרבעטער, וועלכע זענען געווען באַשעפטיקט ביים בוי. אין 1923 איז דער פּראָצענט געפאַלן. פיל פון זיי האָבן געאַרבעט ביי באַדינונגס־אַרבעטן. די חברות האָבן ניט באַוויזן קיין גענוגענדיקע עקשנות כדי אַריינצודרינגען אין די בוי־אַרבעטן. אמת, עס זענען געווען אויך אַזעלכע וואָס האָבן געוואַגט, און אויך מצליח געווען, צו באַקומען אַרבעט ביי די בוי־צווייגן (ביים רייניקן פון זיפּזיף און וואַשן דעם חצץ), אָבער זייער צאָל איז געווען אַ נישטיקע. אַ קליינע גרופּע פון מיידלעך האָט אָנגעהויבן לערנען לייגן באַלאַטעס, האָט זיך גוט צוגעפּאַסט צו דער אַרבעט און אויסגעלערנט אַנדערע. אַ צווייטע גרופּע האָט נאָך פיל אָנשטרענגונגען אויפגעשטעלט אַן אייגענע בוי־קבוצה און זעלבשטענדיק געאַרבעט, מיט אַ גאָר קליינער הילף פון

חברים. די דאָזיקע קבוצה האָט אויפגעבויט עטלעכע הייזער, צו דער אַלגעמיינער פאַרוווּנדערונג, ווייל מען האָט ניט געגלויבט אין די מעגלעכקייטן פון די אַרבעטעריגס. אין דער פלוגה פון גדוד אין ירושלים האָבן עטלעכע חברות געאַרבעט ביי שטיין־האַקעריי. אָבער אין אַלגעמיין איז דאָס פּראָבלעם פון געפינען אַרבעט פאַר דער פרוי געווען אַ שווערע. ס׳האָט פּאַסירט, אַז אין די צייטן, ווען ס׳איז ניט געווען קיין שום מאנגל אין אַרבעט פאַר די חברים, זענען חברות געבליבן אָן אַרבעט. די מועצת הפועלות האָט איינגעאָרדענט עטלעכע אונטערנעמונגען — וועשערייען, שניידער־וואַרשטאַטן, קיכן — וואָס האָבן אַביסל געלינדערט די נויט, אָבער ניט געענדערט דעם אַלגע־מיינעם מצב.

בלויז אין די אייגענע ווירטשאַפטן פון די אַרבעטער איז געפונען געוואָרן אַ באַפרידענדיקע לייזונג פאַר דער אַרבעטס־פּראָגע פון דער פרוי. כאָטש אויך דאָ האָבן ניט געפעלט קיין שווערע פּראָבלעמען.

צו דער מושבה

די יאָרן פון דער דריטער עליה זענען ניט געבענטשט געוואָרן מיט אַ שפע פון אַרבעט. ס׳האָט תמיד געהערשט אַן אַרבעטס־לאָזיקייט אין אַ באַשטימטער מאָס. די הסתדרות און אירע אינסטי־טוציעס האָבן כסדר געקעמפט פאַר יעדן אַרבעטס־טאָג פאַר די קבוצות און פאַר איינצעלנע אַרבעטער, און שטענדיק געזאָרגט פאַר דער שאַפונג פון נייע אַרבעטן.

פון יאָר 1923 האָט די אַרבעטס־נויט אָנגעהויבן שטייגן. די הסתדרות האָט אָנגעהויבן אַ קאַמף אויף צו פאַרשאַפן אַרבעטן פאַר די אַרבעטסלאָזע. הונדערטער מענטשן האָבן געאַרבעט בלויז 2—3 טעג אַ וואָך. די אַרבעטער האָבן געהונגערט און ארומגעגאַנגען אין די גאַסן דערשלאָגענע און פאַרצווייפעלטע. פיל האָבן פאַרלאָזן דאָס לאַנד.

אין יענע טעג האָט מען באַנייט דעם לאָזונג: „דעראָבערן די

אַרבעט אין די מושבות". אמת, די דערפאַרונג, וואָס מען האָט דער־וואָרבן ביים כיבוש העבודה אין די מושבות זינט דער צווייטער עליה, איז געווען אַ ביטערע. אויך די מענטשן פון דער דריטער עליה האָבן באַוויזן צו פאַרזוכן דעם ביטערן טעם פון אַנטוישונג. איבער צוויי הונדערט אַרבעטער, כמעט אַלע פון דער דריטער עליה, האָבן דעמאָנסטראַטיוו פאַרלאָזט חדרה, אין חודש כסלו, 1922, אַלס פּראָטעסט קעגן דעם אויסהונגערן זיי אין דער דאָזיקער מושבה. אָט די יידישע בחורים זענען ערשט מיט אייניקע חדשים פריער געלעגן אין די פאַרטיידיקונגס־אָקאָפּעס און איינגעשטעלט זייער לעבן אויף צו פאַרטיידיקן חדרה קעגן די אָנפאַלערס. ניט בעסער איז געווען די לאַגע אין אַנדערע מושבות. עס האָט זיך אויסגעוועבט דער גלויבן, אַז די יידישע מושבה וועט זיין אַן אַרבעטס־פּלאַץ פאַר יידישע אַרבעטער. אָבער די הונגער־נויט אין די שטעט, און ספּעציעל אין תל־אביב איז געשטיגן, און די הסתדרות האָט זיך ניט געקאָנט אָפּזאָגן, אָדער אָפּלענקען די אויפמערקזאַמקייט, פון אַ וויכ־טיקן צווייג אין דער יידישער ווירטשאַפט, וועלכער איז אומשטאַנד געווען צו זיכערן ארבעט דעם אַרבעטער און נייעם עולה.

נאָך אין פרילינג 1923 האָט זיך אָנגעפאַנגען אַ ניט־אָרגאַניזיר־טע וואַנדערונג אין די מושבות אַריין. ס'זענען געגאַנגען איינצעלנע, וועלכע האָבן על פי רוב ניט אויסגעהאַלטן און ביי דער ערשטער געלעגענהייט זיך אומגעקערט אין שטאָט. ס'האָט זיך געבויטיקט אַן אָרגאַניזירטער כוח, וועלכער זאָל קענען בייקומען די שוועריקייטן פון כיבוש העבודה אין דער מושבה. מ'האָט גערעדט וועגן אָרגאַניזירן טויזנט מענטשן אויף צו גיין אין די מושבות.

אינצווישן איז די אַרבעטסלאָזיקייט געוואַקסן און דערגאַנגען, צום סוף 1923, ביז 2300 מענטשן, צווישן זיי אַ דריטל אָן אַ שום אַרבעט און די איבעריקע — האַלבע אַרבעטסלאָזע.

אָנהויב יאָר 1924 האָט זיך אָנגעהויבן אָרגאַניזירן אין תל־אביב אַ גרויסע גרופּע אויף אַרויסצוגיין אין די מושבות. אַ צייט שפּעטער זענען אַרויס קיין פּתח־תקוה עטלעכע צענטליק אַרבעטסלאָזע

אַרבעטער און געשאַפן די חבורה „מעבר״, וועלכע האָט דערעפנט דאָס אָרגאַניזירטע אַרויסגיין אין דער מושבה. אין משך פון אַ קורצער צייט איז זי געשטיגן ביז 200 חברים. לויטן פּלאַן האָבן די חברים זיך באַדאַרפט פאַרבינדן צו דער חבורה אויף אַ יאָר צייט. דער קערן פון דער חבורה זענען געווען מענטשן פון דער דריטער עליה און ס׳האָבן זיי געהאָלפן איינצעלנע פון דער צווייטער עליה, פון דער קבוצת „אחוה״. דער ציל פון דער חבורה איז געווען: „דעראָבערן די אַרבעט אין דער מושבה דורכ׳ן אָננעמען פון גאַנצע אַרבעטן אויף באַשטימטע פּראָצענטער, אויף דער פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון דער חבורה און באַשטעטיקונג פון מרכז חקלאי, ווי אויך לאַנדווירטשאַפטלעכע אויסבילדונג פון די חברים, אַלס צוגרייטונג צו קאָלאָניזאַציע״. די חבורה איז אַריינגעדרונגען אין די אַרבעטן פון דער פּריוואַטער ווירטשאַפט און געשאַפן פאַר זיך אַ הילפסווירטשאַפט. אין משך פון איר עקזיסטענץ זענען און איר אַדורך אַרום 1000 מענטשן, וועלכע האָבן באַקומען אַרבעטס־אויסבילדונג.

די חבורת „מעבר״ האָט געדינט אַלס מוסטער אויך פאַר אַנדערע אַרבעטער און עולים. אין זומער 1924 האָט זיך געשאַפן אין רחובות אַ חבורה „הדרום״, וועלכע האָט געהאַט אָפּטיילונגען אין די שכנות׳דיקע מושבות: נס־ציונה, ראשון־לציון און גדרה. מיט עטלעכע חדשים שפּעטער האָט זיך געשאַפן אַ חבורה „השומרון״ אין חדרה און אַ חבורה „הגליל״ אין יבנאל.

די הויפּט־אַרבעט אין די מושבות איז געווען ביי טאַבאַק. דער מרכז חקלאי האָט געמאַכט אייניקע קאָנטראַקטן פאַר די טאַבאַקאַרבעטן, לויט וועלכע ס׳האָבן זיך געניטיקט אַרום 1200 אַרבעטער. די הסתדרות האָט געהאַלטן פאַר זייער וויכטיק דעם אַרבעטס־פּראָנט פון דער מושבה און פאַרפליכטעט איינצעלנע אַרבעטער און אייניקע בוי־קבוצות אין די שטעט אַרויסצוגיין אין די מושבות.

אַ דאַנק דעם אַלעמען, זענען געעפענט געוואָרן פאַרן יידישן אַרבעטער נייע אַרבעטס־צווייגן, וועלכע זענען ביז דעמאָלט געווען געשלאָסן פאַר אים. ס׳האָט אָנגעהויבן דאָס אַריינדרינגען צו סטאַבילע

אַרבעטן ביי די קאָלאָניסטן. ס'האָט זיך געמערט די אונטערנעמערישע אַרבעט אין די פּרדסים, און אַ קורצע צייט שפּעטער האָבן אויסגע־פּעלט יידישע אַרבעטער אין די מושבות. די קבוצות, וואָס זענען אַרויסגעגאַנגען אין די מושבות, זענען געווען צום גרעסטן טייל פון דער דריטער עליה און זיי האָבן פיל פאַרהאַלפן און פאַרלייכטערט דאָס אַריינדרינגען אין דער מושבה פאַר דער פערטער עליה. די צאָל פון יידישע אַרבעטער איז געוואַקסן פון 1331 אין יאָר 1922 ביז 4250 אין יאָר 1924; די דריטע עליה האָט מתקן געווען ביים סוף פון דער תקופה דאָס וואָס זי האָט פאַרנאַכלעסיקט אין משך פון דער גאַנצער צייט פון דער דריטער עליה. גלייכצייטיק מיטן אַריינדרינגען אין דער מושבה איז אויך געקומען צו אַן אויפלעבונג פון בוי־פאַך אין די שטעט. ס'האָט אָנגעהויבן קומען די פערטע עליה און ס'האָבן זיך גענויטיקט פיל נייע הייזער. שוין אין דער צווייטער העלפט פון 1924 איז כמעט ניט געווען קיין אַרבעטסלאָזיקייט. די בוי־אַרבעטער האָבן אָנגעהויבן אַרבעטן 6 טעג אַ וואָך. דאָס איז געווען דער ערשטער מאָל, זייט דעם אָנהויב פון דער דריטער עליה, וואָס אַרבעט איז געווען בשפע — ביז ס'איז אויסגעבראָכן דער קריזיס פון דער פערטער עליה.

אינהאלט:

אין דעם ערשטן וועלט־קריג 3
מיט דער באַלפור־דעקלאראציע 5
דער „החלוץ" אין רוסלאנד 5
דער „החלוץ" אין פוילן 9
ליטע און רומעניע 11
גאליציע 12
מערב־אייראָפּע 12
דער דראַנג צו עליה 14
אין די דורכגאַנגס־לענדער 17
עפנט די טויערן! 19
ווער זיינען די עולים? 23
די יידישעווירטשאַפט אין לאַנד 25
די באַגעגעניש פון דער צווייטער עליה מיט דער דריטער 27
צו א פאראייניקונג פון דער מחנה 35
דער ציל: לאַנדווירטשאַפט — און פאַרלויפיק
צו נייע צווייגן 37
ביי די שאָסיי־אַרבעטן 41
נייע וועגן 42
דער „גדוד העבודה" 44
„השומר הצעיר" 49
„חבורת העמק" 52

דער „מצרישער גדוד העבודה" 54
קולטור־זאַרגן 55
פון שאָסיי צו בוי־אַרבעט 55
נייע דעראָבערונגען 59
צו קאָלאָניזאַציע 59
אין צייכן פון קריזיס 64
די חברה אין דער דריטער עליה 67
צו דער מושבה 70

בהוצאת מחלקת „החלוץ" ליד הועד הפועל של ההסתדרות

הופיע מאסף

ההסתדרות

בעריכת צ. רוזנשטיין

הספר מכיל 30 מדורות שמקיפים
את כל שטחי חייה של ההסתדרות.

ואלה הם:

איך נוצרה ההסתדרות?; ההסתדרות מהי? מבנה ההסתדרות; עליה ו„החלוץ"; עבודה; הפועל במושבה; ההתישבות העובדת; הפועל בעיר והאיגוד המקצועי; תנועת הפועלות; הנוער העובד והלומד; קבוץ גלויות; ההסתדרות וארגוני פועלים אחרים; הפועל הערבי; עזרה הדדית; חברת העובדים; משק הפועלים; הסקטור החקלאי; הצרכנות השיתופית; קבלנות הבניה והתעשיה ההסתדרותית; קואופ־רציה בתעשיה, בתחבורה ובשירותים; שיכון שיתופי; אשראי וביטוח; ימאות ותעופה; חינוך, תרבות וספרות; מגן ובטחון; במלחמה; הפועל בישוב ובציונות; הגולה; בחזית המדינית; קשרים בינלאומיים; נספחות.

בספר 506 עמודים, בצירוף מפת ההסתדרות

אויסגאבן פון דער מחלקת „החלוץ" אין אידיש:

סעריע „פארן החלוץ"

ביז יעצט דערשינען:

1. וואס איז אזוינס די הסתדרות?

פון צ. ראזענשטיין

★

2. די צווייטע עליה

פון ד. קלעי

★

3. די דריטע עליה

פון י. רעזניטשענקא

★

אין דרוק געפינט זיך:

4. די כנסת ישראל

פון ד. בר-רב-האי

„דפים למדריך לגולה"

העפטן פאר דער חלוצישער יוגנט — דערשיינט יעדן מאנאט.

דורך דער „מחלקת החלוץ" געמיינזאם מיטן „מרכז לתרבות".

ביז יעצט דערשינען פאלגנדע העפטן:

העפט א׳, חודש אייר:

דער ערשטער מאי — יוסף חיים ברענער — ל"ג בעומר.

העפט ב׳-ג׳, סיון-תמוז:

חג השבועות — טעאדאר הערצל — ח. נ. ביאליק.

העפט ד׳, אב:

תשעה באב — ברל כצנלסון.

העפט ה׳-ו׳, אלול-תשרי:

עמק-יזרעאל — ימים נוראים — חג הסוכות — שאול טשערניחובסקי.

העפט ז׳, חשון:

באלפור-דעקלאראציע — צ. ה. קאלישער.

גרונט־ביכער אין אידיש

אַ סעריע, וואָס ווערט צוגעגרייט דורך דער מחלקת „החלוץ"

עס געפינט זיך אין דרוק:

די הסתדרות

א זאמעלבוך, איבערזעצט פון עברית

*

עס ווערן צוגעגרייט צום דרוק:

יעקב לעשטשינסקי

די סאציאלאגיע פונם יידישן פאלק

*

א. ביין

די געשיכטע פון דער יידישער קאלאניזאציע אין ארץ ישראל

*

א בוך וועגן פאלעסטינאגראפיע
די אראבער אין ארץ ישראל

*

געקליבענע שריפטן פון א. ד. גארדאן
אנזאגער און גרינדער פונם ציוניזם

דער פּלאַן פון דער אויסגאַבע נעמט אַרום אויך פאָלגנדע ביכער:

די געשיכטע פונם ציוניזם

★

די געשיכטע פון דער הגנה אינם ישוב

★

די יידישע נאַציאָנאַלע באַוועגונג

★

די אַרבעטער־קאָלאָניזאַציע אין א״י

★

געקליבענע שריפטן פון ב. כצנלסון

★

געקליבענע שריפטן פון ב. באָראָכאָוו

★

געקליבענע שריפטן פון נחמן סירקין